Two groups of short poems complete the book. The final three are all poems about "the poet", the first two mild satires on the affectations of the (male) poet, the last from Zwicky's own poet-self. Another ten poems are about dreams, love, hate, identity . . . each of them is strong and interesting. Two of them call to mind not only Zwicky's own "Ark Voices", but Blake's early poems: her "Lamb" (worthy of a direct comparison) and "Tiger Heart". Though not direct speech, "Tiger Heart" has almost that naked strength:

The tiger heart (if heart is it)
Kneels down within its cage
It laps the famished air
It asks for nothing more . . .
The tiger stoops within its cage
And keeps its starving course along.
It will not hear the song.

Fay Zwicky's next book, of stories, is to be published early in 1984.

* Judith Rodriguez has published five volumes of poems, the most recent being "Witch Heart" (Sisters Publishing Ltd, 1982)

# THE SPIKE

(Futura Publishers. $4.95)

Michael Danby

When Islamic terrorists seized the Grand Mosque in Mecca, agents of the Soviet Union spread the false rumour throughout the Arab World that the United States was responsible. Actually the "moderate" Saudi regime was so incapable of defending itself against external subversion that it was only the secret dispatch of the crack French anti-terrorist squad that liberated the Mosque. No wonder Senator William Proxemire wittily dismissed the Saudis (who people like B.A. Santamaria and even U.S. Secretary of Defense Caspar Weinberger see as the pillar of Western Middle Eastern policy) as not a nation, but a country of 2,000 cousins.

Soviet use of journalists like Victor Louis and Wilfred Burchett is well known, but the Spike details a fascinating period of international affairs and, in particular, U.S. policy that led to the near collapse of all U.S. policy under the naive and incompetent Jimmy Carter. (Billy Connor in the Spike, see attached glossary). Robert Moss is a former Australian and son-in-law of the late Geoffrey Fairbairn, Reader in Insurgency and Revolts at ANU, who was perhaps the world's leading authority on terrorism and insurgency. Both Fairbairn and Moss were (and in Moss's case as the Spike clearly shows are) firm supporters of Israel.

The "Spike" subject of a bitter international politico-cultural controversy is not a great work of literature. It is however, a must for any politically literate person. Bob Hawke **and** Andrew Peacock recommended this work as their book of the year in 1981.

General Ivan Agranyats head of Directorate A of the 1st Department the KGB had a budget of $363 million in 1979 for disinformation against the West. "Disinformation" Arnaud de Borchgrave explained in a recent discussion of the Spike, "is the use of at lease a kernel of truth around which the Soviets weave a tissue of falsehood". Agranyats described the Soviet attitude to disinformation thus:

"We must constantly encourage Western journalists to write exactly the opposite of our real intentions and anyone who writes about our real intentions objectively — objectively in the Western sense of the word must be quickly dismissed as a cold war revivalist — (Arnaud de Borchgrave quoting Agranyats on Firing Line PBS 18 May 1980).

Arnaud de Borchgrave was himself a strong opponent of US policy in Vietnam whose political odyssey was linked to his strong personal relationship with President Anwar Sadat. The Mossad allegedly passed de Borchgrave vital intelligence on Soviet/PLO attempts on Sadat's life and this it is claimed led to the development of de Borchgrave's political views.

Most of the Soviet "active measures" (aktivnyye meropriytiya) are directed against the United States which is considered "the main enemy" (glauny protiunik).

Nonetheless, Isser Harel the legendary former head of the Mossad (Israel Intelligence), recently emerged to give an unprecedented interview to the Israeli daily Maariv to denounce a recent key Soviet "disinforma-

tsia" clearly aimed at Irael. Harel claimed that the publication by Islamic Iranian fanatics of Mossad attempts to penetrate and suborn American institutions such as the C.I.A. were designed to disrupt US-Israel relations and were based on incidents which allegedly took place in the 50s. In fact Israel's role as a key ally of the US goes back to at least 1956 when the Mossad were responsible for delivering to the Americans Kruschev's key 20th party congress speech denouncing Stalin.

Other Soviet "active measures" include the operation of the clandestine radio from Soviet territory NVOI (National Voice of Iran). This station (broadcasting into Iran in 1979-80) consistently urged that the American diplomatic hostages not be released, while Soviet official statements supported the hostages diplomatic immunity.

A special US State Department White Paper on Disinformation gives examples of Soviet "active measures" to disrupt the Camp David Peace Process.

* A purported speech by a member of the U.S. Administration which insulted Egyptians and called for "a total change of the government and the governmental system in Egypt". This forgery, which surfaced in 1976, was the first of a series of bogus documents produced by the Soviets to complicate U.S.-Egyptian relations.

* A forged document, allegedly prepared by the Secretary of State, or one of his close associates, for the President, which used language insulting and offensive to President Sadat and other Egyptians and also to other Arab leaders, including King Khalid of Saudi Arabia. This forgery was delivered anonymously to the Egyptian Embassy in Rome in April 1977.

* A series of forged letters and U.S. Government documents, which criticized Sadat's "lack of leadership" and called for a "change of government" in Egypt. These forgeries surfaced in various locations during 1977.

* A forged dispatch, allegedly prepared by the U.S. Embassy in Tehran, which suggested that the United States had acquiesced in plans by Iran and Saudi Arabia to overthrow Sadat. This forgery was sent by mail to the Egyptian Embassy in Belgrade in August 1977.

* A forged CIA report which criticized Islamic groups as a barrier to U.S. goals in the Middle East and suggested tactics to suppress, divide, and eliminate these groups. This forgery surfaced in the January 1979 issue of the Cairo-based magazine Al-Dawa.

* A forged letter from U.S. Ambassador to Egypt Herman F. Eilts, which declared that, because Sadat was not prepared to serve U.S. interests, "we must repudiate him and get rid of him without hesitation". This forgery surfaced in the October 1, 1979 issue of the Syrian newspaper Al-Ba'th.

The Spike, the film "Absence of Malice" are all healthy examples of Western opinion's understanding that the Western media, so critical of other power centers, is extremely powerful itself. If it achieved nothing else, the Spike's arousal of constructive doubts about the purity of the Western media is a healthy democratic development.

# CHILDREN OF THE GHETTO by Sheva Glas-Wiener

(Globe Press 1982)

S.L.

Between 1940 and 1942, Sheva Glas-Wiener taught at the orphanage of Marysin, a small traditional village on the outskirts of Lodz in Poland. She had in her charge thirty-two girls come from far afield and from different social and educational backgrounds and nurturing different values and expectations. "Each child", as the author relates, "had her own story of grief and loss and, as I cared for them, their lives and their stories became a part of my life".

Theirs are the stories that Sheva Glas-Wiener tells, salvaging from the oblivion through deportation and death that were in time to befall most of the girls a testimony to their having lived, endured and, even in the worst phase of the War, dared to look ahead, forging friendships, falling in love, marrying, saying — as it were — a resounding "Aye" to life when the perpetrators of the War tried to undermine its very value.

Such a work as "Children of the Ghetto" cannot help but be tragic in its overall effect, particularly when one considers that through these thirty-two children are reflected the lives of some one-and-a-half million other children who perished in the War through hunger, disease, incarceration and execution. But there is no special pleading by the author or attempt at didacticism, all allusion to terror, to waste, or condemnation arising, as it ought, out of the action and the conversations and the confidences shared by the girls in the author's care.

With the liquidation of the orphanage, Sheva Glas-Wiener accompanied the last group of her children to the camps. By what she terms a miracle, she survived Auschwitz, Jesau by Konigsberg and Stuthof as well as a fire aboard a cargo ship loaded with countless cases of explosives, arriving in Australia in 1950. However, this latter history is not part of her story. Rather, she adheres to the years spent in the orphanage with her charges. And however traumatic these years, not all is bleak. For, however menacing and deadly the evil that surrounds the author and the girls of the orphanage, story after story attests to the persistence of a finer, more resolute humanity inherent in each individual, even when all reason for its preservation has been destroyed. If there is such a thing as redemption in the world, it has little to do with divinity; it resides rather in the loyalty, the affection and concern that human beings — and all the more tellingly, in times of extremity — show towards each other. Seen in this light, Sheva Glas-Wiener's "Children of the Ghetto" is a monument to the children of all ghettos and, more, to that inner force, call it spirit, call it will, that, all evil and difficulty and harassment notwithstanding, cries out as do the children of Marysin, "I want to live!"

געדאַנק צווײ משלים־שרײַבער: דער יונג־ווילנאַער דיכטער פּרץ מיראַנסקי און דער אַלט־לאָדזשער שרײַבער יצחק גאָלדקאָרן.

יצחק גאָלדקאָרן שרײַבט נישט נאָר משלים, נאָר אויך שאַרפֿע, בײַסיקע עפּיגראַמען. אין זײַן בוך „עפּיגראַמיש" שרײַבט ער וועגן יִידיש אין ישראל (גאָלדקאָרן האָט אַ קורצע צײַט געלעבט אין ישראל), אַז „יידיש אין ישראל האַלט מען אויף אַ גאָלדענע קייט".

אַ משל האָט אַ סך ענלעכקייטן צו אַ רעטעניש. ווען מען ווייס נישט דעם ענטפֿער, זעט דאָס רעטעניש אויס זייער קאָמפּליצירט. שפּעטער כאַפּט מען זיך, אַז דער ענטפֿער ליגט ממש אויפֿן האַנט.

עס וואָלט דעריבער נישט געווען פּאַסיק אַרויסקומען מיטן נימשל (אַזוי ווי מיר פֿאַרשטייען אים) אײדער מיר הערן דעם משל.

## די דעקאָרירטע סאָלדאַטן

„זיי דאַרפֿן פֿילן, אַז זיי האָבן אין מיר אַ טאַטע!"
האָט געטראַכט אַ גענעראַל וועגן זײַנע סאָלדאַטן,
און ער האָט גלײַך אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל,
אַז יעדער זאָל דעקאָרירט ווערן אויף דער שטעל.
האָט איינער דעם צווייטן אויסגעצייכנט און דעקאָרירט
און מיט פֿאַרשידענע אָרדנס און מעדאַלן באַצירט.
פֿון אַלעמען האָבן די רומבלעכלעך אַראָפּגעשײַנט;
אַלע — מיט לאָרבערקראַנצן די קעפּ געקרײנט.
האָבן לײַט געלאַכט: „גיטס נאָר אַ קוק, ס'איז אַך און ווי:
פֿון סאַמאָראָדנע צעזאָרן איז די גאַנצע אַרמײ!
כאָטש זעץ אַרויף אויף אַ גילדערנעם טראָן
יעדן גראָען פּיעכאָטניק אויבן־אָן!"
„אויב יעדער איינער איז ווי אַ העלד באַערט —
וואָס האָט די גאַנצע העלדישקייט פֿאַר אַ ווערט?
אויב אַלע זענען סטראַטעגן געניאַלע —
וואָס האָט די קריגסקונסט פֿאַר אַ מעלה ?
„אויסצייכענען מיינט: באַוווּנדערן
דעם זעלטענעם, דעם באַזונדערן;
ווען יעדער איינער איז אַ נאַפּאָלעאָן דערקלערט,
איז די גאַנצע סטראַטעגיע אין דער ערד!"

ווייסן מיר, אַז מיליטער איז איבערהויפּט נישט קיין יידיש פֿאַך, טאָ ווי קומט גאָלדקאָרן צו סאָלדאַטן?

די יידישע ליטעראַטור — בײַם הײַנטיקן טאָג — איז אָרעם אין שרײַבער, זי איז אָבער רײַך (פּראָפּאָרציאָנעל) אין פּרעמיעס. אין דער איינציקער שורה: „פֿון אַלעמען האָבן די רומבלעכלעך אַראָפּגעשײַנט" קומט צום אויסדרוק גאָלדקאָרנס סאַרקאַזם און זײַן שפּאָט פֿון די אַלע אָנגעפּרעמירטע שרײַבער, וועלכע מען האַלט אין אײן פֿאַרהענגען מיט די מעדאַלן, הגם זעלטן ווער פֿון זיי (מיינט גאָלדקאָרן) האָט זיך עס פֿאַרדינט.

הייסט עס, עס זענען נאָך אַלץ דאָ בונטאַרן צווישן יידישע שרײַבער, אַבי מיר האָבן געמיינט...

מעם

ש. בענעט

# לאָקאַלע קאָמענטאַרן

מר. שיפּטאָן, אַ דעפּוטאַט אין פֿעדעראַלן פּאַרלאַמענט פֿון היגינס, אַן עלעקטאָראַט מיט אַ באַדײַטנדער יידישער באַפֿעלקערונג, ווי קאָולפֿילד, ברײַטאָן א.א.וו. איז געוואָרנט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין קאַנבערע, אַז זײַן אינטערווענץ וועגן עמיגראַציע פֿון סאָוויעטישע יידן, ווערט אָנערקענט אַלס מישן זיך אין אינערלעכע ענינים פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד.

דעפּוטאַט שיפּטאָן האָט שוין עטלעכע מאָל אינטערווענירט לטובת רוסישע יידן, אָבער אָן שום דערפֿאָלג. ער האָט לעצטנס באַזוכט מדינת ישראל אַלס גאַסט פֿון דער רעגירונג, ווו ער האָט זיך געטראָפֿן מיט קרובים פֿון רוסישע יידן, וועלכע האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך באַמיען צו העלפֿן זיי ברענגען קיין ישראל.

צווישן זיי — די פֿאַמיליעס פֿון לעאָניד וואָלוואָסקי און שטאַמלער, וועלכע געפֿינען זיך אין סאָוויעט־רוסלאַנד אין שווערע באַדינגונגען, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָנגעגעבן אויף וויזעס עולה צו זײַן קיין ישראל.

דעפּוטאַט שיפּטאָן האָט זיך געווענדן צו דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע וועגן דעם ענין, און דערפֿאַר באַקומען דעם שאַרפֿן ענטפֿער.

*

דער קאָולפֿילדער שטאָט־ראַט איז אפֿשר די איינציקע נישט־יידישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע אָנערקענט די יידישע שפּראַך אַלס גלײַכבאַרעכטיקטע, צוזאַמען מיט אַנדערע עטנישע שפּראַכן. צו די לעצטע מוניציפּאַליטעט־וואַלן צום שטאָט־ראַט, זענען פֿאַרשפּרייט געוואָרן בראָשורן ווי אַזוי צו שטימען אין דרײַ שפּראַכן: יידיש, איטאַליעניש און ענגליש.

דאָס איז אַ דערפֿרייענדיקע דערשיינונג, וואָס דווקא נישט־יידן אָנערקענען מאַמע־לשון אַלס אונדזער עטנישער שפּראַך, אין דער זעלבער צײַט וואָס יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אײַנגעפֿירט אויף זייערע צוזאַמענטרעפֿן נאָר ענגליש.

אַ גרויסער טייל פֿון אונדזערע סינאַגאָגעס ווו דער גרעסטער טייל מתפּללים זענען עלטערע מזרח־אייראָפּעיִשע יידן פֿון פּוילן, טשעכן, אונגאַרן א"א.וו., האַלטן די ראַבייס דרשות נאָר אין ענגליש, לויט די אָנווײַזונגען פֿון שול־גבאים, וועלכע ווילן אַנגליזירן זייערע מתפּללים. עס איז אויך באַקאַנט, אַז אין דעם היגן ליובאַוויטשער ישיבה־קאָלעדזש, ווו מען האָט אַמאָל געלערנט גמרא, משניות אין יידיש — איז אָפּגעשאַפֿן געוואָרן יידיש און מען לערנט תלמוד אין ענגליש.

*

לויט דער מעלדונג פֿון אויסטראַלישע עמיגראַציע־באַאַמטע, האָבן מיט אַ צײַט צוריק 200 ישראלדיקע פֿאַמיליעס, אין אַן אָפֿיציעלער צערעמאָניע אין מעלבורן, אָנגענומען אויסטראַלישע בירגערשאַפֿט.

נאָר ווי אַ מענטש. טראָץ צוואַנציק יאָרהונדערטער מענטשהייט, נישט געקוקט אויף די אַלע מעגלעכקייטן פון דערציִאונג און „ציוויליזאַציע", איז דער מענטשהייט נאָך אַלץ לייכטער צו האַסן, ווי ליב צו האָבן; מער באַקוועם אָפּצולייגן אָדער —פאַרקוקן פאַסירונגען, איידער צו קאָנפראָנטירן דעם אמת; באַקוועמער צו האָבן אַ שעיר לעזאָזל, ווי קעמפן מיטן אייגענעם געוויסן — פאַרגעסנדיק דערביי די אומשטערבלעכע ווערטער:

„זאָל דער וואָס איז אָן זינד — וואַרפן דעם ערשטן שטיין".

## זשורנאַליסטן אַרבעטסלאָז?

די פרעסע קאָן זיך וואַרשיינלעך נישט שענקען, וואָס דער ענין ישראל ־ לבנון האָט זיך אויסגעלאָזט, אויס סענסאַציע, אויס שרייענדיקע קעפּ: אָבער סתם אַוועקגעבן אַזאַ „זשורנאַליסטישע מציאה", קאָן מען אויך נישט. בלייבט איבער: מוח־גימנאַסטיק שפּעקולאַציע. בפרט נאָך, אַז עס איז דאָ א מלוכהשע קערפּערשאַפט, וועלכער מען קאָן צושרייבן דעם עצם־געדאַנק.

די סברא קומט פון דער אַנטי־טעראָריסטן אָפּטיילונג פון „סקאָטלאַנד יאַרד", אַז דער פ.ל.אָ.־טעראָר וועט זיך איבערטראָגן קיין אייראָפּע. פון דעם טעראָר, — גלויבן זיי — וועלן לײדן נישט נאָר ישראלדיקע, נאָר אויך אַראַבישע געזעלשאַפטן, מחמת די פ.ל.אָ. „האָט אַ האַרץ" אויף די אַראַבישע ברידער, וואָס זענען אין די דראַסטישע טעג, אָפּגעקומען מיט „מויל־מלאכה".

אָבער ווי קומט אין מיטן פון די אַלע מערדערייען אַריין פוילן? ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אַטענטאַט אויפן ישראלדיקן אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן (שלמה אַרגב, דעם 4־טן יוני ה. י.), און סיי די מערדערייען אין דעם ייִדישן רעסטאָראַן אין פאַריז, זענען געמאַכט געוואָרן מיט אַן אויטאָמאַטישן רעוואָלווער, פּראָדוצירט אין פוילן, וואָס טראָגט דעם צייכן: 11־2־63.

די אַלע מאָרד־אָנפאַלן, אַריינגערעכנט דעם אָנפאַל אויף דער שול אין ווין, אין יאָר 1981, זענען געמאַכט געוואָרן דורך אַ טעראָריסטן־גרופּע, וואָס הייסט „אַבו נידאַל". די גרופּע האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער פ.ל.אָ. און איר הויפּט־ציל איז צו הרגענען... אַראַפאַטן.

די דאָזיקע באַהויפּטונג, וועלכע ס'רוקט אַרויס דער פראַנצויזישער אינערן־מיניסטער — איז לויטן זשורנאַליסט פון לאָנדאָנער „אָבסערווער" דאַוויד לעטש — נישט פּאָפּולער צווישן די ציוניסטישע גרופּן אין פראַנקרייך און ענגלאַנד.

פאַרוואָס ווילן די פראַנצויזן דווקא אַז די חברא זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך? ווייל פראַנקרייך וויל זיך שטעלן אין אַ רעספּעקטאַבעלער פּאָזיציע, נאָך דעם ווי זיי האָבן אָנערקענט די פ.ל.אָ.

ציוניסטישע גרופּן אין פראַנקרייך האַלטן, אַז דער אָנפאַל אויף גאָלדבערגס רעסטאָראַן איז דער אויפטו פון דער פ.ל.אָ., וואָס אַרבעט מיט די אָרטיקע פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע גרופּן.

היות מען קאָן זיך נישט באַגיין אָן סענסאַציע, זענען „מיטאָמאַל" אין לאָנדאָן באַקאַנט געוואָרן פרטים וועגן דער א.ג. „אַבו נידאַל" גרופּע. איר פירער איז אַ 46־יאָריקער חברהמאַן וואָס הייסט סאַברי אַל באַנאַ און ער קריגט זיך שוין מיט אַראַפאַטן אַ יאָרצענדליק און ווערט געשטיצט (ווי אַנדערש?) פון דער ישראלדיקער „אינטעלידזשענס". אין יאָר 1973 האָט מען אים אויסגעשלאָסן פון דער פ.ל.אָ. דאַן האָט ער אָנגענומען דעם פּסעוודאָנים „אַבו נידאַל".

מיט צוויי יאָר צוריק האָט מען אים פאַרמשפּט צום טויט, פאַר אַ פּרוּוו צו דערמאָרדן אַראַפאַטן. צווישן אַנדערע האָט מען אים אויך באַשולדיקט אַז ער קריגט פינאַנסיעלע הילף פון איראַק און ישראל.

„סקאָטלאַנד יאַרד" קען פונדעסטוועגן נישט אַקצעפּטירן די טעאָריע, אַז ישראל האָט אָנגעשטעלט אַבו נידאַל, ער זאָל דערמאָרדן איר אייגענעם אַמבאַסאַדאָר, כדי צו האָבן אַן אויסרייד צו „נעמען זיך" צו דער פ.ל.אָ. אין ביירוט.

„סקאָטלאַנד יאַרד" גלויבט אָבער, אַז געוויסע גרופּן האָבן געדינט ווי פּראָוואָקאַטאָרן.

דער זשורנאַליסט דאַוויד לייטש מאַכט די באַמערקונג, אַז איניקע פון די טעאָריעס לייענען זיך ווי פאַנטאַסטישע שפּיאָנאַזש געשיכטעס.

ווייסן מיר: די ענגלענדער צייכענען זיך נישט אויס מיט קיין סימפּאַטיע און צוטרוי צו דער בעגין־רעגירונג. במילא זענען זיי גרייט צו אַקצעפּטירן אַלע פאַרדאַכטן קעגן דער רעגירונג.

עמעצער — הייסט עס — גיט שוין אַכטונג, אַז די רעדער פון דער פרעסע זאָלן זיך פונדעסטוועגן דרייען...

## דער משל און דער נימשל

זינט דער גריכישער דיכטער עזאָפּ (וואָס איז אגב געווען אַ שקלאַף און האָט געלעבט אין 6־טן י"ה פ"ק) האָט דעם משל געבראַכט צו דער עפנטלעכקייט אין פאָרם פון אַ רעציטאַציע — איז דער משל געוואָרן אַ ליטעראַרישער זשאַנער מיט אַ טיפערן מיין, אויב דער דיכטער האָט פון פאָרויס געזען פאַר זיך דעם נימשל — ווי אַ ציל.

די בעסט־באַקאַנטע משלים שטאַמען פון 14־טן י. ה., געשריבן פון אַ ביזאַנטינער מאָנאַך, און זענען שפּעטער פאַרגעסן געוואָרן.

ערשט אין 19־טן י. ה. איז דער משל געוואָרן פּאָפּולער אין מזרח־אייראָפּע, אַ דאַנק דעם רוסישן שרייבער איוואַן אַנדרייעוויטש קרילאָוו, וואָס האָט אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן משלים אַרום 1809.

אויך ייִדישע שרייבער האָבן זיך באַנוצט מיט דעם ליטעראַרישן זשאַנער, כדי אונטערצושטרייכן דעם ווידעראַנאַנד צווישן וואָרט און טאַט.

אַמבעסטן איז באַקאַנט דער ייִדישער משלים שרייבער אליזער שטיינבאַרג. אין אונדזער צייט קומען אויפן

# פאַרבײַגײענדיק...

## אַ ניכטער וואָרט — אין אַ פאַרקריפּלטער דיסקוסיע...

דיסקוסיע איז אייגנטלעך נישט דאָס פּאַסיקסטע וואָרט צו באַצייכענען דעם אויסגוס פון אומרײַנע געפילן (און גערוכן) וואָס האָט זיך געטראָגן פון די שפּאַלטן פון דער פּרעסע אין משך פון דער מיליטערישער אַקציע אין לבנון, אונטער דער לאָזונג פון „שלום הגליל״.

מיר האָבן דערהערט שטימען, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט (און אפשר נישט קיין מוט?!) אַרויסצוקומען אין דער עפנטלעכקייט.

עס זענען אַרויסגעקראָכן פון זייערע לעכער קאָמוניסטן, געוועזענע קאָמוניסטן, סתם לינקע און אַנטיסעמיטן פון אַלע שאַטירונגען און אָפּנייגונגען (ווײַל אַנטיסעמיטיזם איז אַ ראָק וואָס וואַקסט אָן אויף יעדן פּאָליטישן אָרגאַניזם, אָן אונטערשיד פון זײַנע פּאָליטישע ענד־צילן, אַבי עס איז דאָ אַ פּאַסיקע אַטמאָספער צו אַנטוויקלען דעם אַנטי־ייִדישן גיפט).

אין דאָזיקן אַנטי־ישראל כאָר האָבן נישט געפעלט קיין ייִדישע שטימען (ווי קאָן עס אַנדערש זײַן...) וועמען ס׳מוטשעט נעבעך דער מענטשלעכער און ייִדישער געוויסן (ווײַל אַ ייִד, וואָס קאָן זיך נישט באַפרײַען פון זײַן גלות־פּסיכיק מוז האָבן צוויי געוויסנס...) און אַלע מיט די צוויי געוויסנס האָבן אין זינען געהאַט בלויז „גוטס״ פאַר מדינת ישראל און געהאַלטן אַז זיי מוזן געבן די מדינה־פירער זייער עצה, כאָטש מיר קאָנען זיך נישט דערמאָנען, אַז זייערע צוויי געווינס זאָלן האָבן אַזוי פיבערהאַפט געאַרבעט, ווען סטאַלין האָט אויסגעשאָכטן די ייִדישע שרײַבער און קינסטלער אין סאָוויעט־רוסלאַנד. פאַרקערט — מיר דערמאָנען זיך זייער גוט, אַז זייערע דריי געוויסנס (דער מענטשלעכער, דער ייִדישער און דער קאָמוניסטישער) האָבן געאַרבעט אין אַלע ריכטונגען צו אַפּלייקענען, צו באַרעכטיקן און, ווי געווײַנטלעך — צו באַשמוצן די, וואָס וואָגן פרעגן בלויז: קין — ווּ איז דײַן ברודער הבל?

אין דער דיסקוסיע (דערווײַל איז נאָך נישטאָ קיין אַנדער באַצייכענונג פאַר דער ווערטער־פאַרפלייצונג) האָבן מיר דערהערט אַן ערלעך און אויפריכטיק וואָרט, וואָס האָט אויסגעדריקט די געפילן פון מיליאָנען ייִדן אין דער וועלט, פון די, וועלכע האָבן אויפריכטיק געוויטאָגט איבער די קרבנות אין לבנון, און נישט געלאָפן צו דער פּרעסע, כדי אַלע זאָלן זען ווי זיי פאַרגיסן די טרערן (טרערן פון פּאַרדרוס, ווײַל מדינת ישראל האַלט אָפּ אין זיג נאָך אַ צווייטן). דאָס דאָזיקע וואָרט קומט פון דער וויצע־פּרעזידענטין פון אינטערנאַציאָנאַלן ראָט פון ייִדישע פרויען — סילוואַ געלמאַן. („אידיש״, פון 30־טן סעפּטעמבער 1982).

דער בריוו הייסט: אויפרעגונג — אָבער נישט בושה, וועלכן מיר ברענגען אין אַ פרײַער איבערזעצונג:

„אַ סך איז שוין געזאָגט געוואָרן וועגן דער קאַלעקטיווער בושה וואָס ייִדן דאַרפן פילן, צוליב די לעצטע אַכזריותדיקע טאַטן אין לבנון.

איך בין אַן אויסטראַליערין. איך בין אַ ייִדין. איך פיל, ווי אַ סך עמאָציעס קומען אויף און מיר, צוליב די געשעענישן אין לבנון.

איך פיל בייזקייט און פאַרדרוס, עקל, מיאוסן זיך; אומצוטרוי; רחמנות; צער; פאַרצווייפלונג.

די סיבה פון מײַן ביז זײַן, מײַן מיאוסן זיך, איז די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, וועלכע האָט באַשאַפן אַ מדינה — ישראל, און איבערגעלאָזט, אַז די בירגער אַליין זאָלן קעמפן פאַר זייער קיום, אַנטקעגן שווער־באַוואָפנטע אַגרעסאָרן.

אַן עקל פאַר די גרויסמאַכטן, וועלכע, האָבן באַנוצט דעם מיטעלן מזרח ווי אַן אָרט אויסצופּרובירן זייערע מיליטערישע דערפינדונגען, גרויסמאַכטן, וועלכע האָבן קאַלטבלוטיק, מיט אַלגעמיינער צושטימונג צוגעגאָסן אייל אויף דעם פײַער, מיט דער כסדרדיקער צושטעלונג פון באַוואָפענונג.

האָס פאַר די אַלע זעלבסט־אָנערקענטע צדיקים, וואָס ברעכן זייערע הענט, שרײַען אויס זייער אימה און ווײַזן אָן מיט א פינגער פון באַשולדיקונג — אויף ישראל, כאָטש זיי זענען געווען שטום, און זייערע אויגן האָבן זיך אָפּגעקערט ווען אין משך פון א סך יאָרן, האָט א בלוטיקער בירגער־קריג פאַרנאַנדערגעריסן לבנון.

אומצוטרוי, ווען איך זע דעם באַווײַז פון דער קאָלאָסאַלער אָנזאַמלונג פון געווער, צוגעשטעלט דורך די סאָוויעטן. איך געטרוי נישט די פּראָטעסטירער, וועלכע דעמאָנסטרירן פאַר די אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדעס, אָבער מײַדן אויס די גאַסן, ווו עס געפינען זיך די סאָוויעטישע אַמבאַסאַדעס.

אין האָב מיטלייד מיט די עלטערן וואָס לעבן אין מיטעלן מזרח: מענער, פרויען, קינדער — ייִדן, מוזולמענער און די שווער־אָנגעגריפענע קריסטן אין לבנון, וועלכע האָבן אין משך פון די לעצטע 34 יאָר געליטן אַבלות דורך אַקטן פון קריג און טעראָריזם.

אַ קלעמונג פאַר שלום און אמת — פאַר די הילפלאָזע קרבנות.

פאַרצייטיקע מענטשן האָבן געהאַט געטער פון מלחמה, אָבער זעלטן — געטער פאַר שלום.

די ייִדן האָבן געגעבן דער וועלט דאָס געבאָט: „דו זאָלסט נישט הרגענען״; דערמוטיקט דעם רוף צו „איבערשמידן שווערדן אויף אַקעראײַזנס״. די ייִדן האָבן געמאַכט „שלום״ (פרידן) פאַר זייער טאָג־טעגלעכער באַגריסונג.

דאָס קריסטנטום, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון ייִדנטום האָט געגעבן דער וועלט אַ פרינץ פון שלום.

מיטלייד מיט מענטשן פאַרפירטע דורך דער מעדיאַ, וואָס איז מער פאַראינטערעסירט אין סענסאַציאָנאַליזם, ווי אין פילבאַרקייט; מער מיט אײַנזײַטיקייט, ווי מיט באַלאַנסירונג; מיט פּאָליטיקירן אידעער מיט דעפינירן די קלאָרקייט פון ציל.

אויב איך דאַרף פילן בושה, איז נישט ווי אַ ייִד,

יונתן האָט פֿאַרלוירן זיינע שאַנסן, ווייל זי, די רעזשיסאַרשע, האָט אים אַוועקגעשטעלט קעגן יאַשע שער...

משולם וואָלט אפשר נאָכגעגעבן און פֿאַרשטאַנען יונתנ׳ס שוואַכקייטן יאַשע — נישט!

יאַשע שער האָט זיך איינגעלעבט אין אַלע אַספּעקטן פֿון אַלטן חלוץ, וועלכן בר טוב קען און רעספּעקטירט און מיר פֿילן און וווּנדערן, און מיט וועלכן יאַשע שער האָט זיך אין גאַנצן אידענטיפֿיצירט. דער שטאָלץ פֿון די בלאָטעס און שטאַלן זענען טיף פֿאַרוואָרצלט אין משולמען, און יאַשע שטאָלצירט מיט זיי פּונקט ווי ער אַליין וואָלט דאָרט געמאָלקן די קי און געהאָדעוועט די ריזן־קאַרטאָפֿל... משולמ׳ס בענקשאָפֿט צום זון איז טיף און שטאַרק, ער וויל אים האָבן אין מושב מיט זיך, ווייל פֿאַר אים האָט ער אויסגעטרינקט די בלאָטעס. יאַשע בענקט צוזאַמען מיט משולמען...

סיי דער אָפּקלאַנג פֿון די חלוצישע צייטן, דער פּאַטאָס פֿון דער בלאָטע און שטאַל, סיי די סענטימענטאַלע טענער פֿון דעם טאַטן און יידן, סיי דער אמת פֿון דעם פּאָליטישן „אני־מאמין" פֿון דעם האַלב־שיכורן ייד אויף דעם דיפּלאָמאַטישן באַנקעט, זענען געווען שטאַרק אין איינדרוק און שיין אין אויספֿירונג. זיי האָבן געשאָפֿן דעם שטאָם, פֿון דער פּיעסע און האָבן אונטערגעהאַלטן די צווייגן.

אַ ביסעלע ווייטער פֿון דעם בוים, נאָנט צו דעם נערוון־צענטער פֿון דער אַקציע, שטייט די צווייטע גענעראַציע: יונתן־קעגן־ליאורה. דער צוזאַמענשטויס דאָ איז ווייניקער דראַמאַטיש ווי אין דער פֿריערדיקער סיטואַציע.

ערשטנס, איז פֿון יונתן געוואָרן דזשאָני, און דאָס אַליין האָט פֿאַרקלענערט די פֿרעמדקייט צווישן דעם טאַטן און זיין טאָכטער. דזשאָני אידענטיפֿיצירט זיך לייכטער מיט ליאורה׳ס פֿריינד, מיט די באָבּיס און פֿרענקיס. אַלע דריי זענען אַזוי ווי פֿון איין חדר — סאָרי! פֿון איין קאָלעדזש...

דאָס איז זיכער דזשיינס שולד. ס׳איז לייכט צו פֿאַרשטיין, אַז פֿאַר דער „לידי פֿון פֿלאָרידאַ" איז דזשאָני אַ שענערע און א מער נאַטירלעכע פּראָפּאָזיציע ווי יונתן.

ס׳גלויבט זיך נישט, אַז אַ נאָמען זאָל האָבן אַן איינפֿלוס אויף דעם כאַראַקטער פֿון אַ מענטשן, נאָר אַ נאָמען עפֿנט נייע מעגלעכקייטן און נייע טירן. און נישט אַלע טירן פֿירן אויף די ריכטיקע וועגן.

בר־טוב דערציילט נישט וועגן וואָס די נייע טירן עפֿענען — נאָר מיר ווייסן, אַז „לידי דזשיינס" אַספּיראַציעס זענען צו פֿאַרמאַכן די טיר צו כפֿר־שאול און דאָס איז איר אפֿשר געלונגען.ס׳איז שווער צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי „לידי דזשיינס" וועט פֿאַרבייטן איר מאַמעס דירה אין פֿלאָרידאַ — אויף דעם נייעם הויז אין כפֿר שאול.

די צווייטע סיבה, וועלכע שוואַכט אָפּ דעם גענעראַציע־קעגנזאַץ צווישן דזשאָני און ליאורה ליגט אין יונתנ׳ס לעבנס־שטייגער: ער איז פֿאַרנומען מיט „קאָקטיילן" און באַנקעטן און קאָנפֿערענצן; דרייט זיך אַרום „תמיד ווי אויף גוישע לוויות"; ער מוז זיין העפֿלעך און גוט צו אַלעמען, ווייל דאָס איז די פֿליכט פֿון א דיפּלאָמאַט; ער איז זיכער אַ גוטער מאַן, ווייל דאָס איז וואָס דזשיין וויל! זי איז אפֿשר ווייניקער דיפּלאָמאַט פֿון אים, נאָר האָט מער כוח פֿון אים...

די פּיעסע האָט פֿאַר אונדז אַ ספּעציעלן טעם, צוליב איר אַקטואַליטעט און אונדזער סענטימענט. בר טוב האָט אין דער פּיעסע אַריינגעלייגט אַן אוצר מיט גרעסערע און קלענערע פּראָבלעמען. עס איז שווער זיי צו אַנאַליזירן אין איין פּלאַץ. פּראָבלעמען, אַפֿילו שווערע און אומעטיקערע, זענען אָפּט אויסגעדריקט אין אַ דעליקאַטן הומאָר און אמאָל ווילט זיך שטעלן די פֿראַגע: צי איז דאָס אַ דראַמע, ווי די מערהייט פֿון דעם פּובליקום וואָלט דאָס פֿאַרשטאַנען, אָדער אַ קאָמעדיע, ווי בר טוב האָט דאָס אָנגערופֿן?

דער ענטפֿער איז: ס׳איז ביידע! שלום־עליכם האָט אונדז אויסגעלערנט נישט צו זוכן דעפֿיניציעס אין דראַמאַטישע פֿאָרשטעלונגען. די גרענעץ צווישן וויינען און לאַכן איז נישט שאַרף — ס׳לאַכט זיך און וויינט זיך גלייכצייטיק, אָן גרענעצן און אָן דעפֿיניציעס...

די רעזשיסאָרשע האָט באַוויזן אַ סך קונסט און איבערגעגעבנקייט אין איר שאַפֿונג. ס׳איז נישט געווען שווער אַוועקצושטעלן משולם אויף דעם פּעדעסטאַל פֿון דער פּיעסע.

איר אַרבעט איז אפֿשר שווערער געווען אָבער עס איז געלונגען. דאָס האָט זי געמאַכט פֿון ליאורה די העלדין פֿון יונתנ׳ס משפּחה... דאָס פּוסטע אַמעריקאַנער מיידל, וואָס האָט געטראָגן טיף אין האַרצן דאָס בילד פֿון דעם אומבאַקאַנטן חלוצישן זיידן, איז אַוועק פֿון די „באָבּיס און פֿרענקיס" און אַפֿילו פֿון „פּאָפּ מעקווייר" און זיך צוריקגעקערט צו איר העלדישן „קאָובאָי" פֿון כפֿר־שאול...

ס׳איז אויך געלונגען ראָזאַ טורקאָוו, צו מאַכן פֿון דזשיין די פּאָסיקע און עלעגאַנטע פֿרוי פֿון דעם דיפּלאָמאַט פֿון ישראל.

און נאָך איז איר געלונגען צו באַווייזן די דריי עפּיזאָדן: דעם גריכישן אַמבאַסאַדאָר, מיט „מאַדאַם עקוואַדאָר" און מיט קאָליאַ און זיינע מכלומערשטע זעקס אַמעריקאַנער גענעראַציעס פֿון קרים...

דעם קאָנפֿעראַנסיער, וועלכער האָט אַזאַ פֿילדזיטיקע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון אַ „באַטלער" און משרת און שר־המשקה און סתם א גוי־אין דער־אַמבאַסאַדע, קומט אַ ספּעציעלן יישר־כּוח, פֿאַר זיין הילף אין העלפֿן אונדז נאָכפֿאָלגן די אַקציע.

אפֿשר איז כפֿר־שאול פֿאַרצייכנט ערגעץ ווו אויף אַ מאַפּע, נאָר בלויז דער בריוו־טרעגער פּיטשערסקי ווייסט פֿון דעם. אויך אים קומט א דאַנק פֿאַר דעם פֿאַרבינדן אונדז מיט דעם מושב.

וואָס שייך דער אָריגינעלער פֿראַגע „ווער איז וויכטיקער... דער מושבניק צו דער דיפּלאָמאַט?" גלויב איך, אַז די אַקטיאָרן ווייסן דעם ענטפֿער נישט ווייניקער פֿון מחבר און פֿון פּובליקום...



**דער אַנסאַמבל פון „קום אַהיים, מיין זון“**

עס זיצן (פון רעכטס): מירא פפאַו, יאַשאַ שער, ראַזאַ טורקאַוו (רעזשיסאַרשע), טאַמאַראַ ראַזענבוים, מענדל שמערלינג, עס שטייען: לעוו קאַלטיניוק, יאַסל כאַבערמאַן, אפרים שוכן, מרים בולוואַר, אהרן גורוויטש (דעקאַראַטאַר) און מאיר צעפראַוו.

זיין זון יונתן. דער צוויטער צווישן דזשאַני און זיין טאָכטער ליאורה.

דער ערשטער קאָנפליקט משולם־יונתן איז דער נערוו־צענטער פון דער פּיעסע. פון דעם צענטער אַנטוויקלט זיך די אַקציע. משולם, אַן אַלטער מושבניק פון כפר־שאול, פאַרשטייט נישט וואָס ס׳איז געשען מיט זיין זון יונתן. ער ווייסט, אַז יונתן איז אַמאָל געווען אַ פיינער בחור אין דעם מושב. אָבער אין משך פון די 13 יאָר אין אַמעריקע, איז ער געוואָרן אין גאַנצן אַנדערש, אָפּגעפרעמדט, נישט צו דערקענען.

משולם פאַרשטייט, אַז די וועלט שטייט נישט אויף איין אָרט, און ס׳קומען פאַר פאַרענדערונגען. ער דערמאָנט זיך מיט אַ נאָסטאַלגישן שמייכל ווען ער, און זיין דבורה׳לע, זענען צום ערשטן מאָל געפאָרן פון ראשון לציון קיין עמק. ס׳האָט גענומען מער ווי דער וועג פון „לוד קיין אַמעריקע“... און ער ווייסט, אַז מ׳קען נישט פאַרגלייכן, אַ הינקעדיק פערדל מיט אַן עראָפּלאַן... ער געדענקט גוט די אַמאָליקע בלאָטעס מיטן קדחות, אויף וועלכע ס׳שטייען איצט פרדסים און גערטנער און זיין ניי הויז: און ער ווייסט, אַז צייט און אַרבעט מאַכן דעם אונטערשייד — נאָר ער קען נישט און וויל נישט פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן דער פאַלעסטינע, צו וועלכער ער איז געקומען אַרבעטן אינעם שטאָל — און מדינת ישראל, וועלכע דאַרף רעפּרעזענטאַנטן, כדי אָנצוהאַלטן איר אָרט אין דעם „אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום פון דער וועלט“...

ער בענקט „די נשמה גייט אים אויס“ — ס׳איז שווער צו פאַרגלייכן דעם יונגן חלוץ, וואָס איז מיט יאָרן צוריק אַנטלאָפן פון רוסלאַנד קיין פאַלעסטינע, מיט דעם אַלטן מושבניק פון כפר־שאול, נאָר די נשמה איז די זעלבע — די ידישע נשמה פון אַ טאַטן און זיידן, וואָס בענקט...

משולם איז נישט קיין „פלאַפלער און נישט עבר־בטל“, און חוץ דעם שטאָל און זיינע ריזיקע קאַרטאָפל, פאַרשטייט ער, אַז מ׳דאַרף זיי דאָרט זאָגן „אַז מיר, אין דער היים, פייפן אויף זיי!“...

דער פאַקט, אויף וועלכן משולם וויל נישט איינגיין איז אַז זיין זון, דאַרף זיצן אין ניו־יאָרק, אַנשטאָט אין כפר־שאול ווי דער טאַטע וואָלט געוואָלט און דאָס איז דאָך זיין זון אין די יום־טובדיקע קליידער, וואָס לויפט אַרום צווישן „קאָקטיילן“ און קאָנפערענצן, אַנשטאָט מעלקן די קי; און דאָס איז דאָך זיין אייניקל ליאורה, וואָס פאַרשטייט נישט קיין וואָרט עברית און וואַקסט אַ פרעמדע אין אַ פרעמד לאַנד.

דאָס איז די טעמע פון דער פרעמדקייט צווישן די דורות פון טאַטן און זון.

בר־טוב פאַוואָריזירט משולמען, נישט אין אַ דירעקטער פאָרעם, נאָר דורך דעליקאַטע אָנצוהערענישן.

די דיסקוסיעס צווישן פאָטער און זון זענען געפירט נישט מיט קיין לאָגישער אַרגומענטאַציע און אַ רואיקן געלאַסענעם טאָן, נאָר אין אַן אָנגעלאָדענער עמאָציאָנעלער אַטמאָספער. אין אַזאַ אַטמאָספער איז גרינג אַרויסצובערענגען משולמען ווי דעם זיגער. ווייל ער איז דאָך דער חלוץ פון די אמתע גוטע קדחתדיקע צייטן און ער איז געבליבן לעבן נאָך די שווערע יאָרן פון הונגער אין די בלאָטעס, און אויסגעבויט אַ פעסטן פרוכטבאַרן באָדן פאַר זיין איינציקן זון — אָבער דער זון וויל בעסער זיין אין ניו־יאָרק.

מיר מוזן זיך אַוועקשטעלן אויף משולם׳ס זייט, אפשר סימפּאַטיזירן מיר אויך מיט אים... בר־טוב האָט געגעבן יונתן זייער אַ שווערע אויפגאַבע. מיר, די נייטראַלע צושויער, פאַרשטייען, אַז ישראל מוז האָבן רעפּרעזענטאַנטן אין אַמעריקע. אָבער יונתן האָט אַ שוואַכן כאַראַקטער, און ישראל מוז האָבן אין ניו־יאָרק רעפּרעזענטאַנטן מיט שטאַרקע כאַראַקטערן.

אפשר ליידט יונתן פון קאָמפּלעקסן? זיין געוויסן איז נישט ריין. ער איז צעריסן צווישן דעם גוטן, בכבודיקן לעבן אין ניו־יאָרק און זיין פליכט לגבי דער שטאָל אין כפר־שאול. אויב אַזוי האָט בר־טוב, אָדער אפשר ראַזאַ טורקאָוו, נישט גוט גענוג פאַרגעשטעלט דאָס פסיכישע געשטאַלט פון יונתן; מ׳זעט נישט און מ׳הערט נישט דעם אינערלעכן קאַמף, וואָס קומט פאָר אין יונתן.

און אפשר איז שולדיק דזשיין? זי דרייט זיך אַרום אויף דער בינע ווי יונתן׳ס שאָטן. איר אָנוועזנהייט וועגט איבער, סיי ווען זי נעמט אָנטייל אין אַ דיסקוסיע און סיי ווען זי איז שטיל — איז זי שטענדיק די וואָרטזאָגערין אין דעם דיפּלאָמאַטס היים...

און אפשר איז דאָס בלויז אַ טעכנישער פעלער פון דער רעזשיסאָרשע? זי האָט באַדאַרפט געבןביידע מענער, פאָטער און זון, אַ גלייכן שאַנס. מיט אַ גלייכן שאַנס איז מעגלעך, אַז יונתן (טראָץ אַלע שוועריקייטן) וואָלט אויסגעהאַלטן משולם׳ס אַטאַקעס און וואָלט אַנטקעגן געשטעלט די נייע פילאָסאָפיע פון דער מדינה קעגן דעם אַלטן מושבניקס שטאָל...

ערשט קומט מיר מיין שאָטן אַנטקעגן —
זיין פּנים — אַ שמאַטע אַ גרויע,
ער קוקט אויף מיר מאָדנע מיט חידוש,
און כאַפּט אַ הלוואה מיין אויער...

ער קומט איצט פון יענע מקומות,
ווו וואַלד שטייט פאַרשרפהט פון פלאַמען,
די צווייגן דאַרע, סוכאַטע,
שוואַרצן אַראָפּ פון די שטאַמען.

געזען כ'האָב „ס'אומשולדיקע" פעלד,
פון טרערן בליט דאָרט אַ מאָך,
געהערט כ'האָב אין שטילקייט דער בלויער,
וויינען דיין אייביקן בראָך...

נאַ, נעם דיר אַ טרער פון דיין מאַמען,
דעם לעצטן געשריי פון דיין טאַטן,
געדענקסט נאָך דעם מיאוסן ויברח,
ווען דו האָסט זיי בידן פּאַראַטן...

דו האָסט דאָן, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ גיבור,
געזוכט אויף די דראָטן דעם טויט...
דאָך האָסטו ווי אַ פּשוטער וואָרים,
געגריזשעט פון ליימענעם ברויט.

דאָן האָסטו נאָך עפּעס געשטאַמלט,
געשטאַמלט פון מאָרגן פון שטערבן,
אַ מענטש האָט אַ פליכט פאַר דער צוקונפט...
און לעבן, און לעבן, און לעבן,

אַזוי ביסטו לעבן געבליבן,
כאָטש כ'ווייס ניט ווי און פון וואַנען.
נאָר זאָג מיר — איך בין דאָך דיין שאָטן,
ווו גייט מען? ווו גייט מען פון דאַנען?...

שוין אַלע באַנען פאַרשפּעטיקט,
ניט געבליבן מיר מער ווו צו פאָרן,
ווי שמות פון ספרים פאַרברענטע,
פליען אין ווינט מיינע יאָרן.

העי קרעטשמער, דערלאַנג נאָך אַ כוסה
לחיים צו די אויפן דנאָ,
אַ מענטש איז ניט ווער ווי ווינטל,
אָט איז ער, און אָט איז ער ניטאָ...

**שטיצט די איניציאַטיוו פון „קדימה"**

**צו בויען**
**אַ חורבן־מוזעאום!**

ד"ר א. וויינריב

# א קולטור יום־טוב אין סידנעי

## „קום אהיים, מיין זון"

דער דוד הערמאַן טעאַטער ביי דער „קדימה" האָט שבת, דעם 30טן אָקטאָבער גאַסטראָלירט אין סידנעי מיט חנוך ברטוב'ס ישראל־פּיעסע „קום אַהיים, מיין זון". אין מעלבורן האָט די פאָרשטעלונג געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג — סיי מיטן אינהאַלט און סיי מיט דער אויפפירונג. דער טעאַטער האָט געגעבן 6 פאָרשטעלונגען.

דאָס טעאַטער האָט אָפּגעשפּילט, צוריקגעפאָרן און אונדז איבערגעלאָזט עטלעכע פּראָבלעמען, וועלכע זיי ווילן, אַז מיר, דאָס שוואַכע, אומשולדיקע פּובליקום, זאָל פאַר זיי לייזן.

און דער פּראָבלעם איז אַ שווערער:

און דער שיין רעדאַגירטער פּראָגראַם, איז אין קורצן איבערגעגעבן דער אינהאַלט פון דער פּיעסע, אָבער אין דעם לעצטן זאַץ, פרעגט מען אונדז: „ווער איז וויכטיקער פאַר דער צוקונפט פון ישראל — דער מושבניק אין לאַנד, צי דער דיפּלאָמאַט אין אויסלאַנד, נו וואָס קאָנסטו זאָגן וועגן דעם?

כדי צו פאַראיינפאַכן דאָס פּראָבלעם, וועלן מיר אָנהויבן באַטראַכטן בלויז דעם עיקר פון דער פּיעסע, און אויסשטעלן, אויף אַ מינוט אין אַ זייט, די ספּעציפישע צוגאָבן.

דער עיקר אין דער פּיעסע איז דער דורות אַלטער פּראָבלעם: די אונטערשיידן צווישן אַלטן און יונגן דור. דאָס פּראָבלעם איז נישט קיין נייעס אין אונדזער געשיכטע. אברהם אָבינו איז אפשר דער ערשטער ביישפּיל פון דעם אַנטוישטן זון, וועלכער איז אַוועק פון טאַטן, פון שטוב, פון דער שטאָט און פון לאַנד.

אין משך פון די לעצטע 4000 יאָר חזרט זיך איבער דער דור־קעגן־דור נוסח. אפשר אין אַ וויניקער דראַסטישער פאָרם, און אפשר איז דאָס איצט נישט בלויז אַ פאָטער־זון פּראָבלעם, ס'איז אויך מאַמע־טאָכטער פּראָבלעם און מ'לויפט נישט היינט פון אור־כשדים קיין כנען, מ'גייט פּשוט אַרויס פון דער היים און מען זוכט זיך אַ „פלעט"...

בר טוב האָט צוגעגעבן צוויי פאַקטאָרן, וואָס האָבן דעם אַלגעמיינעם אבסטראַקט אריינגעבראַכט אין אונדזער אייגענער שטוב און געמאַכט פון דעם אַן אַקטועלן יידישן פּראָבלעם. די אַנטיל נעמער זענען ייִדן, און די צייט איז — די קעגנוואַרט.

אין דער פּיעסע זעען מיר דריי דורות. צווישן די צוויי דורות־פּראָבלעמען: איינער צווישן משולם און —

און אַרויסקומען גאַנץ פון שפּאַניע. ער האָט דאַן אָנגעשריבן דאָס באַקאַנטע בוך „פינצטערקייט אין מיטן טאָג“, אין וועלכן ער שילדערט אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן די געגעאַלאָגיע פון די באַרימטע מאָסקווער פּראָצעסן.

זיגמונט שטיין, אַ ידישער קאָמוניסט וועלכער האָט געשטאַמט פון מערב־גאַליציע אין פּוילן, האָט זיך געפונען אין פראַנקרייך און פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער קאָמוניסטישער היעראַרכיע. ער איז געשיקט געוואָרן מיט אַ מיסיע קיין שפּאַניע, און אין די פופציקער יאָרן האָט ער באַשריבן זיינע דערפאַרונגען אין זיין בוך: „איך בין געווען סטאַלינס אַגענט אין שפּאַניע“. דאָרט שילדערט ער אויספירלעך די פאַרברעכערישע מעשים פון דער קאָמוניסטישער אָנפירונג בעת דעם בירגערקריג.

מיר, די ידישע ענטוזיאַסטן פון דער שפּאַנישער רעפובליק, וועלכע האָבן געגלויבט אויפריכטיק אין דער ערלעכקייט פון די שפּאַנישע רעוואָלוציאָנערע קעמפער, זענען ערשט שפּעטער געוואָר געוואָרן וועגן די פּאַטאַלע מעשים פון די קאָמוניסטן. הגם איך מוז היינט מודה זיין, אַז פאַר אונדז אין דער „פאָלקסצייטונג“ איז דאָס נישט געווען קיין נייעס. אונדזער גוטער קאָרעספּאָנדענט פון שפּאַניע, י. ווינטער, האָט אָנגעהויבן שפּעטער צושיקן קאָרעספּאָנדענציעס וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אָפּ אין דעם לינקן לאַגער. מיר האָבן די דאָזיקע זאַכן נישט געדרוקט, נישט וועלנדיק ברענגען שאָדן די שפּאַנישע רעפובליקאַנער וועלכע האָבן שוין דאַן געקעמפט פאַר זייער נאַקעטן לעבן.

די שפּאַנישע רעפובליק האָט פאַרענדיקט איר קעמפערישן לעבן אין מערץ 1939. ביז צו די לעצטע טעג פון זייער עקזיסטענץ האָט דער לינקער לאַגער געליטן פון אינערלעכע קאַמפן. נאָך דעם 5־טן מערץ 1939 האָבן אַלע פאַרטייען, חוץ די קאָמוניסטן, געשאַפן אַ פאַרטידיקונגס־ראָט צו קעמפן אין מאַדריד אונטער דער פירונג פון גענעראַל מיאַכאַ. די קאָמוניסטן, צוזאַמען מיט די נעגרין־אָנהענגער, האָבן אים באַקעמפט. אָבער דעם 28־טן מערץ 1939 האָבן פראַנקאָס אַרמייען פון 200,000 מאַן אַריינמאַרשירט קיין מאַדריד אָן שום ווידערשטאַנד מצד די זיך אַרומרייסנדיקע לינקע רעפובליקאַנער.

אַ מיליאָן מענטשן זענען געפאַלן אין פראַנקאָס אויפשטאַנד קעגן דער רעפובליק. דער קאַמף האָט געדויערט צוויי יאָר און ניין מאָנאַטן און האָט גורם געווען אָן אַ שיעור ליידן דעם שפּאַנישן פאָלק.

די ידישע סאָציאַליסטן אין פּוילן האָבן די שפּאַנישע מפּלה אויפגענומען מיט אויפריכטיקן טרויער. די געשעענישן וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין פּוילן מיטן אָנקום פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — האָבן מיר שוין געהאַט אַן אייגענע טראַגעדיע...

איצט איז די סאָציאַליסטישע פאַרטיי פון שפּאַניע ווידער געקומען צו דער מאַכט אויף אַ לעגאַלן אופן. די ערשטע שריט פון דעם נייעם יונגן פּרעמיער־מיניסטער גאָנזאַלעס איז געווען — אַ שאַרפער אַרויסטריט קעגן די אַמעריקאַנער באַזעס אין שפּאַניע. נאָך פריער האָט ער געשיקט אַ בריוו צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וווּ ער לייגט פאָר מען זאָל אויסשליסן די אַרבעטער־פּאַרטיי פון מדינת־ישראל פון אינטערנאַציאָנאַל, ווייל זי האָט געשטיצט די מלחמה אין לבנון (ער האָט נישט פאַרגעלייגט אויסצושליסן גלייכצייטיק די ענגלישע לייבאָר־פּאַרטיי, ווייל זי האָט אונטערגעשטיצט די מלחמה אין פאָלקלאַנד...).

(מיט איניקע יאָרן צוריק האָט דער אינטערנאַציאָנאַל צוגענומען די שטים־רעכט ביים ידישן „בונד“, איבערלאָזנדיק פאַר אים נאָר באַראַטונגס־סטאַטוס.)

פון זיינע ערשטע שריט האָבן מיר נישט קיין גרונט צו זיין באַגייסטערט. הלוואַי זאָלן מיר נישט ווערן מער אַנטוישט אין דער צוקונפט. אפשר וועט דער יונגער גאָנזאַלעס עפּעס לערנען פון די לינקע פעלערן אין דעם שפּאַנישן בירגער־קריג.

---

יעקב ראָזענבערג

# אין קרעטשמע

כ׳האָב אַלע באַנען פאַרשפּעטיקס,
גיט געבליבן מיר מער ווו צו פאָרן,
וועל איך שוין אָט אין דער קרעטשמע
פאַרטרינקען די רעשט פון די יאָרן...

העי קרעטשמער, באַווייז נאָר דיין בראָנפן,
און לאָמיר אויסטרינקען צום דנאָ,
אַ מענטש איז דאָך נאָר ווי אַ ווינטל,
אָט איז ער, און אָט איז ער ניטאָ...

און דו, מיין שאָטן געטרייער,
קום, לאָמיר שפּילן אין ווערפל,
דו ווייסט דאָך, דער גאַנצער פלאַנעטל,
איז דאָך אַן אומגליקלעך דערפל.

געדענקסט אונדזער וועג, אונדזער וואַנדער?
אַ וועג מיט חכמים און קלאונען,
געטראָפן חכם אין בלאָטע,
און אַ נאַר — אויף פּלושענע טראָנען.

און מענטשן ווי מילבן פּאַיאַצלעך,
די לאַכן, און באַלד נעמען וויינען,
נו, קענסט דאָך ניט האָבן קיין טענה,
די זון קען דאָך אייביק ניט שיינען...

זיץ איך אַמאָל אין דער קרעטשמע,
פאַרנאַכט שוין געפאַלן פון הימל,
דער בראָנפן געטאָגט האָט אין פלעשל,
זיץ איך אין חלום און דרימל.

ניסטן, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין שפּאַניע, כּדי צו העלפן די רעפּובליקאַנער אין זייער קאַמף מיט דעם פאַשיסטישן אויפשטענדלער גענעראַל פראַנקאָ, וועלכער האָט אויפגעהויבן די פאָן פון בונט אין שפּאַנישן מאַראָקאָ, וואו ער איז געווען דער פירער פון דעם שפּאַנישן גאַרניזאָן.

פראַנקרייך איז געוואָרן דער צענטער וואו עס האָט זיך קאָנצענטרירט די הילפס־אַרבעט לטובת דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנישער רעגירונג פון לאַרגאָ קאַבאַלעראָ, דעם סאָציאַליסטישן פּרעמיער־מיניסטער. די יידישע קאָמוניסטן אין פּאַריז האָבן געהאַט גרויסע איינפלוסן צווישן די יידישע אימיגראַנטן פון פּוילן. אין אַ גרויסער מאָס צוליב דעם, וואָס אַ טייל פון זיי האָט געמוזט פאַרלאָזן פּוילן צוליב די רדיפות פון דער פּאָליציי און מאַכט־אָרגאַנען, ווייל די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געווען אומלעגאַל.

די קאָמוניסטן האָבן אויף אַזאַ אופן לייכט געקענט פאַרכאַפּן די אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן װערבירט פרייוויליקע פאַר שפּאַניע. אַזוי האָט, למשל, האָט דער יונגער בונדיסט פון וואַרשע, בעניעק ליפּשיץ, אַן אינטעליגענטער און באַוווּסטזיניקער סטאָלער־אַרבעטער, פאַרלאָזט וואַרשע און אַוועק קיין פּאַריז כּדי אַריינצוטרעטן אין דער נייגעשאַפענער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע. די קאָמוניסטן האָבן אָפּגעזאָגט אים אַריינצולאָזן צווישן די פרייוויליקע וועלכע דאַרפן פאָרן קיין שפּאַניע. עס איז נייטיק געווען די אינטערווענץ פון דעם באַקאַנטן בונדישן און מענשעוויסטישן פירער, רפאל אַבראַמאָוויטש, און דעם סעקרעטאַר פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, פרידריך אַדלער, כּדי צו פּועלן ביי די קאָמוניסטן זיי זאָלן אַריינלאָזן דעם אידעלן און ענטוזיאַסטישן יונגן בונדיסט צו קעמפן פאַר דער פרייהייט פון שפּאַנישן פאָלק.

מען האָט אים לסוף אַריינגעלאָזט; בעניעק ליפּשיץ איז געפאָרן קיין שפּאַניע, אָבער ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און ס'איז אָנגעקומען אַ ידיעה קיין וואַרשע, אַז ער איז געפאַלן אין שלאַכט...

דעם זעלבן גורל האָט אויך געהאַט דער זון פון אויבן דערמאָנטן רפאל אַבראַמאָוויטש, מאַרק, וועלכער איז אַוועקגעפאָרן קיין שפּאַניע און — פאַרשוווּנדן אָן שום וויטערדיקע שפּורן.

מיר, אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג", די טאָגצייטונג פון „בונד" אין פּוילן, האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג צו די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין שפּאַניע. פון פּאַריז איז אַוועקגעפאָרן קיין שפּאַניע אַלס אונדזער קאָרעספּאָנדענט, אַ גוטער און ענערגישער זשורנאַליסט, יעקב ווינטער, וועלכער פלעגט צושיקן בריוו פון שפּאַניע יעדע וואָך, חוץ טעלעגראַמעס וועגן ספּעציעל וויכטיקע געשעענישן. די „פאָלקסצייטונג" איז געוואָרן זייער פּאָפּולער ביי די יידישע לייענער און דער טיראַזש פון דער צייטונג איז באַדייטנדיק געשטיגן. אַפילו די פּוילישע צייטונגען האָבן זיך באַנוצט מיט די ידיעות פון דער „פאָלקסצייטונג", הגם פון שפּאַניע פלעגט שיקן זיינע קאָרעספּאָנדענציעס פאַר דער פּוילישע פּרעסע דער באַקאַנטער שרייבער קסאַווערי פּרושינסקי.

אויך דער באַקאַנטער בונדישער פירער וויקטאָר אַלטער איז געפאָרן קיין שפּאַניע, אַלס דעלעגאַט פון דער צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, צוזאַמען מיט דעם סעקרעטאַר פון דעם צ"ק אַנטאָני זדאַנאָווסקי, און ער האָט פון דאָרט געשריבן זיינע אינטערעסאַנטע אַרטיקלען פאַר דער „פאָלקסצייטונג". (ביידע האָבן געפונען זייער טויט פון קאָמוניסטישע הענט: וויקטאָר אַלטער אין דעם באַקאַנטן מאָרד־פּראָצעס פון סטאַלינען צוזאַמען מיט הענריק ערליך, און זדאַנאָווסקי — אין דעם נאָכמלחמהדיקן קאָמוניסטישן פּוילן נאָכן „פאַרברענגען" אַ סך יאָרן אין די תפיסות פון דער „אובע").

*

די געשעענישן אין שפּאַניע האָבן זיך אַנטוויקלט אויף אַ טראַגישן אופן פאַר דעם לינקן לאַגער. די קאָמוניסטן פון שפּאַניע, אונטערגעשטיצט מיט די פיל טויזנטער אָנגעפאָרענע קאָמוניסטן פון אַלע עקן וועלט, האָבן אַנטוויקלט אַ גוואַלטיקן טעראָר קעגן אַנדערש דענקענדיקע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן גענעראַל פראַנקאָ און זיינע פאַשיסטישע מיליטער־אָפּטיילונגען. די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן זענען דאַן געווען זייער שטאַרק אין שפּאַניע, ספּעציעל אין קאַטאַלאָניע און איר הויפּטשטאָט באַרצעלאָנאָ. די נ.ק.וו.ד.־אַגענטן האָבן דאָרט דורכגעפירט אַן אָפענע פּראָוואָקאַציע לגבי די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן און דורכגעפירט צווישן זיי אַ שרעקלעכע שחיטה. אין רעזולטאַט דערפון האָט קאַבאַלעראָ פאַרלאָזט דעם פּרעמיער־אַמט און אויף זיין אָרט איז געקומען כואַן נעגרין, אויך אַ סאָציאַליסט, וועלכער האָט ענגער מיטגעאַרבעט מיט די קאָמוניסטן. מ'האָט באַזייטיקט די אַנאַרכיסטן פון דער רעגירונג; דער פירער פון דער ראַדיקאַלער מאַרקסיסטישער (טראָצקיסטישער) פּאַרטיי „פּאָום" (אַ פאַרקירצונג פון דעם שפּאַנישן נאָמען „פּאַרטידאָ אָברעראָ דע אוניפיקאַציאָן מאַרקסיסטאַ" — אַרבעטער־פּאַרטיי פון מאַרקסיסטישער איינהייט), נין, איז דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט פיל פון זיינע אָנהענגער. דער פּרעמיער נעגרין האָט אויך דערמעגלעכט די סאָוויעטישע אַגענטן אַרויסצופירן דאָס שפּאַנישע מלוכהשע גאָלד קיין מאָסקווע.

ס'איז ווערט אונטערצושטרייכן, אַז צווישן די פיל אויסלענדישע פרייוויליקע קעמפער האָבן זיך געפונען אַזעלכע מענטשן ווי דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער ענגלישער שרייבער דזשאָרדזש אָרוועל, וועלכער איז נאָך זיין שפּאַנישער דערפאַרונג געוואָרן אַ שאַרפער אַנטי־קאָמוניסט און אָנגעשריבן דאָס באַקאַנטע בוך „די חיות פאַרם", אין וועלכן ער לאַכט אויס די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט: („ביי אונדז זענען אַלע גלייך, נאָר אַ טייל זענען מער גלייך...") און אויך דאָס בוך „1984".

אַ צווייטער באַקאַנטער שרייבער איז געווען אַרטור קעסטלער, דאַן נאָך אַ קאָמוניסט. ער איז אַריינגעפאַלן אין פראַנקאָס געפאַנגענשאַפט און איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. ס'איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון תפיסה

הערשל באַכראַך

# דער שפּאַנישער אויפשטאַנד און די יידישע לייענער אין פּוילן

(זכרונות פון אַ יידישן זעצער)

איך קער מיך אָפּ אום אין געדאַנק צו די יאָרן פון אונדזער יוגנט און די איבערלעבונגען, וואָס האָבן באַאיינפלוסט אונדזער לעבן. דאָס יידישע פאָלק אין פּוילן איז געווען אַן איינהייטלעך פאָלק, אָבער אין דער זעלבער צייט צעטיילט אויף קלאַסן און אידעאָלאָגיעס. נישט יעדע געשעעניש אין דער וועלט, און אַפילו אין לאַנד גופא, האָבן אויף אַ גלייכן אופן באַווירקט די באַזונדערע טיילן פון אונדזער פאָלק.

די אַנטשטייאונג פון אומאָפּהענגיקן פּוילן (נאָוועמבער 1918) האָט פאַרשטאַרקט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די יידן. אין שייכות מיט די וואַלן צום סיים (אין יאָר 1919) זענען אַנטשטאַנען פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אריינגעבראַכט אַ גרויסע פאַרשידנאַרטיקייט אינעם יידישן לעבן.

בעת די באַלפור־דעקלאַראַציע (נאָוועמבער 1917) האָט שטאַרק באַווירקט די ציוניסטישע עלעמענטן, האָט די רוסישע רעוואָלוציע פון פעברואַר 1917, און שפּעטער די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש אין אָקטאָבער אַרויסגערופן אַ גרויסע באַגייסטערונג אין די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען — אין „בונד”, פּועלי־ציון און ס״ס־פאַראייניקטע, און אוודאי ביי דער ניי־אַנטשטאַנענער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (אָנהויב 1919, פון אַ פאַראייניקונג פון די ס.ד.ק.פּ.ל. און פּ.פּ.ס לעוויצע). דאָס האָט גורם געווען שפּאַלטונגען אין כמעט אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען און זייער עקזיסטענץ און אַקטיוו לעבן האָט זיך צוגעפּאַסט צו די נייע אומשטענדן.

איך קלייב זיך נישט צו געבן אַ ברייטערע אָפּשאַצונג פון דעם יידישן לעבן במשך דער צייט פון פּוילנס אומ־אָפּהענגיקייט ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. געוויס פאַרדינט דאָס אַ גענויערע באַהאַנדלונג.

דאָ וויל איך זיך בלויז אָפּשטעלן אויף דעם שפּאַנישן בירגער־קריג, וועלכער איז אויסגעבראָכן אין יולי 1936. די דאָזיקע געשעעניש אין דעם וויטן לאַנד, האָט אַרויס־גערופן אַ גרויסע אויפרודערונג און באַגייסטערונג ביי די יידישע אַרבעטער אין פּוילן און אָנגערירט אַלע זייערע פּאַרטייען. אויך די אַלגעמיינע פּוילישע געזעלשאַפט האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס צו דעם שפּאַ־נישן בירגער־קריג. די פּוילישע צייטונגען האָבן געשיקט ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטן קיין שפּאַניע, וועלכע האָבן כמעט טאָג־טעגלעך באַריכטעט וועגן די בלוטיקע קאַמפן וועלכע גייען אָן אין שפּאַניע.

פּוילן האָט געהאַט אַ גרונט צו זיין פאַראינטערעסירט אין דעם שפּאַנישן בירגער־קריג. היטלער און מוסאָליני האָבן באַלד אָנגעהויבן שיקן געווער און עראָפּלאַנען (די באַקאַנטע קאָנקאָרד עסקאַדרע פון נאַצי־דייטשלאַנד). פון דער אַנדערער זייט האָט סאָוועט־רוסלאַנד אָנגעהויבן שיקן הילף און געווער, אָבער אויך אין גרויסע צאָלן אירע אַגענטן און מיליטער־לייט. זייער איינפלוס און טעטיקייט האָט זיך פאַטאַל אויסגעווירקט אויף דעם אויסגאַנג פון דעם שפּאַנישן בירגער־קריג.

יידישע אַרבעטער פון פּוילן, ספּעציעל יידישע קאָמו־

---

גליקלעכע מעגלעכקייט. עס איז אויך אַ שווערער חוב לגבי זיך און דער וועלט.

דער פּחד אין לעבן, די צרות אין דער וועלט וועלכע קומען פאָר ביי יעדן לעבעדיקן צווישן געבוירן ווערן און שטאַרבן זענען ערנסט און גרויס. און דער טויט איז דאָס איינציקע געשעעניש וואָס איז גאַנץ זיכער. צו באַ־האַלטן דאָס, צו פאַרלייקענען דאָס איז נישט קיין הילף. דער אמת און רעאַליטעט פון לעבן דאַרף העלפן אונדז אויפצובויען די וויטאַליטעט וואָס מיר קאָנען, כדי די וואָס וועלן געבוירן ווערן זאָלן זיין מער צופרידן מיט די פאַרגאַנגענע דורות. דאָס איז די תורה פון דער עקזיסטענץ־פילאָסאָפיע.

עס זענען פאַראַן פילאָסאָפן וואָס גלויבן — לויט מיין מיינונג מיט רעכט — אַז די דאָזיקע פילאָסאָפיע איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די באַרבאַרישע געשעענישן פון די לעצטע (איז דאָס זיכער אַז זיי זענען די לעצטע?) וועלט מלחמות.

לויט מיין פּערזענלעכער מיינונג, איז אין די לעצטע טעג אויסגעבראָכן א ווייטערדיקע וועלט מלחמה, אָבער דאָס נאָר קעגן די יידן. פאַלשע אויטאָריטעטן האָבן אָנגעהויבן צו נוצן פאַלשע באַהויפּטונגען. זיי באַמיען זיך אונטערן איינפלוס פון האָפענונגען צו באַקומען אויל און געלט, צו פאַרשוויגן דעם ברוטאַלן אמת אַז אין לבנון און ישראל זענען געהרגעט געוואָרן טויזנטער קריסטן און יידן דורך די הענט פון אַראַפאַט און זיינע שליחים. נאָר שטראָפן ווילן זיי די יידן, די פילאָסאָפיע פון עק־זיסטענץ לערנט מיך, אַז אַלע יידן דאַרפן זיך האַלטן אינאיינעם. אַלע יידן דאַרפן זיך אָנגאַזשירן. זיי דאַרפן מאַכן אַ דעציזיע, א באַשלוס מיר זאָלן זיך אַנטקעגנ־שטעלן די „קעמפּערס” פון די בונקערס: היטלער און אַראַפאַט. דער לעצטער מער ווי דער פריערדיקער האָט דערפונדן א נייעם אופן פון קעמפן. אַראַפאַט שטעלט אויס קינדער, שפּיטעלער אין פראַנט און ער באַהאַלט זיך הינטער זייערע פּלייצעס. ער שיקט די קינדער צום טויט נאָר אַליין עסט ער זיך גוט און און לאַבט און שמייכלט די גאַנצע צייט. לאָמיר אַלץ טאָן אויפצוקלערן דעם אמת פון היטלער און אַראַפאַט.

זשירט אין לעבן. עקזיסטענציאַליזם נעמט אַלס זיין יסוד דעם מענטשנס לעבן דאָ, איצט, אויף דער ערד. עקזיסטענציאַליזם נעמט זיין איניציאַטיוו פון דעם יחיד, פון דעם אינדיווידואַל, און נישט פון דעם וואָס רינגלט אַרום דעם יחיד. דער יחיד איז דער צענטער פון דעם וואָס קומט פאָר אין דער וועלט, אויך דעמאָלט ווען מיר אַנאַליזירן דעם אוניווערס. דאָס וויכטיקסטע אין דער פילאָסאָפיע איז דער סוביעקט, דער מענטש, און דערפאַר ווען מיר פילאָסאָפירן וועגן אונדזער וועלט דאַרפן מיר אָנהויבן פונעם מענטש, ווי דאָס עקזיסטירן, וויאַזוי ער פילט זיך, וואָס ער קלערט און פאַרוואָס דווקא אַזוי. די פילאָסאָפיע דאַרף נישט זיין בלויז אַ ווונדער, אַ פאַרגעניגן נאָר אַ הילף, אַ היילונג, אַ פאַרשטאַרקונג פון זיין גייסט און קערפּער, אַ פּאָזיטיווע שייכות צום אַרום.

דער מענטש איז אַ פּראָדוקט נישט נאָר פון דער נאַטור, נישט נאָר פון דער השגחה נאָר אויך פון זיך אַליין. „דער מענטש איז אַ פּראָדוקט פון זיין אייגענער אומאָפּהייניקער מי און לייגט אַכט אויף זיך אַליין" זאָגט קיערקעגאַרד. סאַרטר מאַכט אַן אונטערשייד צווישן עסענץ און עקזיסטענץ. סאַרטר גיט אַ ביישפּיל, ווי אַזוי מיר זאָלן פאַרשטיין דעם אונטערשייד. ווען איינער מאַכט אַ מעסער צום שניידן פּאַפּיר. דער פאַבריקאַנט מאַכט דאָס מעסער מיט דעם ציל צו זיין פעאיק צו שניידן פּאַפּיר. ער מאַכט דאָס מעסער לויט אַ פאָרמולע. די עסענץ פון דעם מעסער איז פאַרשטענדלעך די פעאיקייט צו שניידן פּאַפּיר. דאָ איז קלאָר, אַז נאָך דעם ווי דאָס מעסער איז פאַבריצירט אַלס אַ הילף צו שניידן פּאַפּיר, עמיצער קויפט עס, און דאָס מעסער עקזיסטירט ביי אים. דאָ קומט דעם אינסטרומענטס עסענץ פריער פאַר דער עקזיסטענץ.

אָבער ביי מענטשן איז דער פּראָצעס פאַרקערט.

דער מענטש ווערט געבוירן מיט א „מענטשלעכער נאַטור" דאָס איז שותפותדיק פאַר אַלע מענטשן. די כאַראַקטעריסטיק האָבן אַלע מענטשן. דער מענטש אין וואַלד, דער פּרימיטיווער מענטש און אויך דער ציוויליזירטער מענטש אין אַ קולטורעלער געזעלשאַפט. ביים געבוירן ווערן זענען אַלע גלייך, ווייל אַלע הויבן אָן מיט גאָרנישט, נאָר „מענטשן" ווערן די שפּעטער, און דאָס ווערן אַ מענטש וועט קומען שפּעטער אַלס רעזולטאַט פון זיין אייגענער מי און פאַרזיכטיקייט. דערפאַר איז דער מענטש נאָר דאָס וואָס ער מאַכט פון זיך „דאָס איז דער פּרינציפּ פון דער עקזיסטענץ־פילאָסאָפיע" זאָגט סאַרטר. ער לייקנט נישט אָפּ אַז דער מענטש האָט אַ תוכיקע נאַטור. נאָר מען דאַרף נעמען אין אַכט אַז זיין עיקרדיקע נאַטור איז זיין מעגלעכקייט זיך צו ענדערן, צו פאַרבעסערן, צו דערהויבן זיך און אַליין צו שאַפן, בעת דאָס פאַבריצירטע שנייד־מעסער קען נאָר פונקציאָנירן אַלס מעסער, נאָר קאָן זיך אַליין, אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו נישט ענדערן. אונדזערע פּרקי־אבות זאָגן: דע מאַין אתה בא ולאן אתה הולך! גיב דיר אָפּ אַ חשבון פון וואַנען דו קומסט און וואַהין דו גייסט. דער מענטש קומט אין אַ לעבן וואָס איז אַן אַבסורד. דעם מענטשנס קומען אין דער וועלט איז נישט אָפּהענגיק פון אים אַליין. און ווען ער איז שוין דאָ דערוואַרט אים דאָס מוזן צו פאַרלאָזן די וועלט... אַלעס שטערבלעכע לעבט אין פּחד פאַרן טויט. יעדעס נייע געבורט פאַרגרעסערט דעם דאָזיקן פּחד. ווייל דאָס פאַרגרעסערט די צאָל פון די וואָס וועלן מוזן שטאַרבן. אָן אויפהער ווערט פון דער שויס פון אונדזער אומדערמידלעכער ערד געבוירן ניי לעבן, און יעדעס נייע לעבן וואַרט מיט פּחד און ציטערן אויפן טאָג ווען ער וועט אַריינפאַלן אין פינצטערניש". די פילאָסאָפן — שרייבט פראַנץ ראָזענצוויג אין זיין באַרימטן און קלאַסישן בוך: „דער שטערן דער ערלייזונג" — לייקנט אָפּ דעם דאָזיקן פּחד מיט דעם אויסרייד, אַז נאָר דער קערפּער שטאַרבט און נישט די נשמה, אַז דער מענטש לעבט ווייטער דורך זיין נשמה. די פילאָסאָפן ווילן נישט וויסן, אַז דער פּחד פאַרן טויט ווייסט נישט די דאָזיקע אָפּגעזונדערטקייט פון דעם קערפּער און זיין נשמה.

איין פילאָסאָף פון דעם איטאַליענישן רענעסאַנס, פּוקאַ דעלאַ מוראַנדאָלאָ, אין זיין בוך: „וועגן דער וויכטיקייט פון דעם מענטש" שרייבט אַזוי וועגן דעם באַשאַפן ווערן פון דעם מענטש: „גאָט האָט גענומען מענטש, אַן אַרבעט פון אַ נישט דעפינירטער פאָרם, ער האָט אים אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון דער וועלט פון האָט אַזוי גערעדט צו אים: אדם, מיר האָבן דיר געגעבן אַ נישט גענוי באַשטימט אָרט, אַ נישט באַשטימטע פאָרם פון דיין אייגנטום, נישט קיין באַשטימטע מתנה דו זאָלסט קאָנען זאָגן: דאָס איז מיין אייגנטום. האַלט נאָר דאָס אָרט, די פאָרם און די מתנות וועלכע דו שטרעבסט צו האָבן אַלס דיין אייגענע. די אַנדערע ברואים האָבן באַקומען אַ באַגרענעצטע נאַטור און אייגנשאַפטן צוגעשריבן פאַר זיי דורך אונדז. לויט דיין אייגענעם ווילן און פרייען באַשלוס אין וועמענס הענט איך גיב דיך איבער. דו ביסט פריי און נישט געצוווּנגען דורך אַנדערע פאָרשריפטן. איך האָב דיך געשטעלט אין מיטן פון דער וועלט כדי זאָלסט קאָנען זיך אַרומקוקן אין דער וועלט און דו זאָלסט זען וואָס עס קומט פאָר אין איר. מיר האָבן דיך געמאַכט נישט הימליש, נישט ערדיש, נישט שטערבלעך און נישט אומשטערבלעך. ווער דער סקולפּטאָר פון זיך אַליין".

דער מענטש האָט אין זיך אַלע מינים פון זאָמען. עס איז אָפּהענגיק פון אים אַליין וועלכע זאמען ער וועט קולטיווירן, כדי זיי זאָלן וואַקסן אין אים.

עקזיסטענציאַליזם פאַרשטייט, אַז דעם מענטשנס ראָלע איז צו דעצידירן ווען נאָר ער גייט עפּעס טאָן. אויב ער ווילט נישט אויס, און ער דעצידירט נישט, מוז מען דאָס באַטראַכטן אַלס זיך באַשלוס און דערפאַר מוזן מיר פאַרשטיין וואָס הייסט דעצידירן. דער מענטש אַלס מענטש מוז באַטראַכט ווערן אַלס די סומע פון זיינע באַשלוסן. יעדער באַשלוס פון מענטשן איז נישט נאָר פאַר זיך, דאָס איז אויך אַ צייכן ווי ער וויל אַנדערע מענטשן זאָלן דעצידירן. דערפאַר איז דעם מענטשנס פרייהייט צו דעצידירן אַ חוב פאַר אים און נישט נאָר אַ

מגר בן־ציון פעלדשוה

# די פילאָסאָפיע פון עקזיסטענץ

דער ציל פון דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג וועגן דער פילאָסאָפיע פון עקזיסטענץ איז נישט געבן אַן אויסשעפּנדיקע באַשרייבונג און אַ ליסטע פון אַלע מקורים און ענינים וועלכע זענען פאַרבונדן מיט איר, ווייל דאָס פאַרלאַנגט אַ גרעסערן פאַרנעם. וואָס איך גיי טאָן איז באַלייכטן און אַנאַליזירן די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון דער נייער פילאָסאָפיע און די יסודות מיט וועלכע זי אונטערשיידט זיך פון אַנדערע פילאָסאָפיעס וועלכע זענען זייט דורות איבערגעגעבן צו אונדז, און אין וועלכע מיר האָבן געגלויבט אַז די זענען פעסט באַגרינדעט, און אַז עס איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט און קיין סיבה אַז עפּעס זאָל קענען דערשיטערן אָדער שטעלן זיי אונטער אַ פראַגע־צייכן.

די עקזיסטענץ ־ פילאָסאָפיע איז אָנגענומען געוואָרן ספּעציעל אין אייראָפּע און אַמעריקע. זי פאַרברייטערט זיך, און נעמט איצט אַריין אויך פּסיכאָלאָגיע, אונטערן נאָמען „עקזיסטענץ־פּסיכאָלאָגיע״.

דאָס וואָרט פילאָסאָפיע שטאַמט פון גריכיש: פילאָ — ליבשאַפט, סאָפיע — חכמה. די גריכן האָבן אַ סך מי אָפּגעגעבן צו אַנטוויקלען די דאָזיקע אייגנשאַפט. פּלאַטאָ אין זיין בוך „די רעפּובליק״ באַשרייבט ווער עס קען באַטראַכט ווערן אַלס פילאָסאָף: דער וועלכער פאַרנעמט זיך מיט לערנען ווויסנשאַפט און אמת. פילאָסאָפיע איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ באַזיס און אַ הילף פאַר אַלע צווייגן פון טעטיקייט. פילאָסאָפיע איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ סיסטעם פון געדאַנקען און אידייען וועלכע מיר דאַרפן נוצן אין אַלע פּראָצעסן און טעטיקייטן וואָס קומען פאָר אין אונדזער אוניווערס: אַרום אונדז און פאַרוואָס נישט אויך אין אונדז גופא? דאָס זוכן די חכמה, ווויסנשאַפט און געדאַנקען איז דער רעזולטאַט פון וווּנדער, פון פאַרגעניגן, פון ליבשאַפט. ס'איז אָנגענומען געוואָרן און פולשטענדיק אַקצעפּטירט געוואָרן אַז פילאָסאָפיע איז דער רעזולטאַט פון שכל, פון פאַרשטענדיקונג, פון קלערן. איינער פון די גרויסע פילאָסאָפן אין די נייערע צייטן פרידריך העגעל האָט זיך באַמיט איינצושטעלן די גאַנצע רעאַליטעט אין אַ פולשטענדיקן סיסטעם פון געהעריקע און פאַרשידענע קאָנצעפּטן. העגעל האָט געגלויבט, אַז פילאָסאָפיע פאַרנעמט זיך מיטן סוביעקט פון פּראָצעסן און געשעענישן וועלכע זענען שוין פאַרגעקומען. נאָר נאָך דעם ווי די פּראָצעסן זענען רעאַליזירט געוואָרן קען מען און מען דאַרף זיי אַנאַליזירן, און קומען צו געוויסע אויספירונגען און באַשלוסן. ער האָט געגלויבט אַז שכל־פילאָסאָפיע איז אידענטיש מיט אונדזער רעאַליטעט און אונדזער וועלט. אויף דעם יסוד איז אים געווען זייער לייכט צו דערקלערן אַז אַלעס וואָס קומט פאָר אין אונדזער וועלט איז זיכער רעאַל און דערפאַר אַלס פועל־יוצא אויך באַרעכטיקט, שכלדיק, נאָרמאַל. מיר ווייסן גענוג קלאָר אַז שוין אין גריכנלאַנד זענען געווען פילאָסאָפן וואָס האָבן דיסקוטירט אין זייערע ווערק ווער ס'איז פּאַסיק, צו רעגירן אין אַ מלוכה אַזוי אַז עס זאָל זיין לטובת די בירגער. העגעל האָט פּראָפּאַגירט אַן די מלוכה איז „אבסאָלוט״ ד״ה אַז דער שטאַט איז נישט געקומען אין עקזיסטענץ מיט די דאָזיקע פליכטן, די מלוכה איז אַ ציל פאַר זיך אַליין. דער שטאַט איז די פאַרקערפּערונג פון „גייסט״ און איז געשאַפן געוואָרן דורך לאָגיק. אַלס „אַבסאָלוט״ און אַזוי אַרום פאַרבינד עס זיך מיטן גייסט פון דעם גאַנצן אוניווערס.

העגעל האָט געגלויבט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט און אין גאַנצן אוניווערס בכלל. ער האָט אַנטוויקלט אַ נייעם מעטאָד צו באַווייזן און אויפצוקלערן די לאַגע אין גאַנצן אוניווערס און אַלע טעטיקייטן פון דער מענטשהייט, דערהויבן זיך, פאַרפיינערן זיך און פאַרשענערן זיך. דעם דאָזיקן מעטאָד האָט ער אָנגערופן: דיאַלעקטישער מעטאָד. אַלץ וואָס געשעט פון אָנהויב, אַלע פאָרמען פון אַן אָנהויבנדיקע אַקטיוויטעט רופט העגעל אָן: טעזיס. דעמאָלט סטאַביליזירט זיך אַ כוח, וועלכער איז אין אָפּאָזיציע צו דעם, וואָס עקזיסטירט, וואָס וויל די טעזיס עלעמינירן. דער טעזיס ווערט נאָרמאַל נישט ליקווידירט, נאָר ווערט געענדערט. דער כח ווערט ביי העגעל אָנגערופן אַנטיטעזיס. דער רעזולטאַט פון דעם צוזאַמענשטויס ווערט שוין אָנגערופן סינטעזיס. דער צוזאַמענשטויס פון טעזיס און דעם אַנטיטעזיס איז גורם דאָס דערשיינען פון נייע פאַרבעסערטע עלעמענטן און גאַראַנטירט די עקזיסטענץ צו דערגרייכן א נייע, פאַרבעסערטע, פיל העכערע מדרגה. ביי דעם איבערחזרן די דאָזיקע לעבנס־פּראָצעסן נעמען זיי אָן אַ העכערן וואַרט. העגעל האָט געגלויבט, אַז די דאָזיקע פּראָצעסן זענען טעטיק נאָכאַנאַנד, און אין אַלע שטחים פון אונדזער אוניווערס. אַלץ ענדערט זיך. גאָרנישט בלייבט אַזוי ווי געווען.

אַ סך מסקנות זענען געוואָרן בולט אין דער פילאָסאָפיע, מיט וועלכע די מאָדערנע פילאָסאָפן האָבן נישט געקאָנט מסכים זיין, זיי צו אַקצעפּטירן. און דאָס איז געווען מיט פולשטענדיק רעכט און לאָגיק.

העגעל האָט אַקצעפּטירט אַבסאָלוטיזם. דער יחיד האָט נישט געקאָנט האָבן קיין שום באַדייטונג. פרייהייט האָט נישט געהאַט קיין שום זין. אַלץ ענדערט זיך אַליין. קיינער איז נישט נויטיק דערצו. קיינער דאַרף נישט נעמען קיין אָנטייל אין דעם וואָס עס קומט פאָר. אַלס פּראָטעסט קעגן דעם מין פון פילאָסאָפירן איז אַנטשטאַנען א נייע פילאָסאָפיע און ווערט אָנגערופן די פילאָסאָפיע פון עקזיסטענץ. אין לאַטיין „עקזיסטערע״ הייסט אַרויסקומען זיך, באַווייזן, עקזיסטירן.

די פילאָסאָפן וועלכע רעפּרעזענטירן די ריכטונג — די עקזיסטענץ־שיטה, געהערן צו פאַרשיידענע פעלקער און רעליגיעס. עקזיסטענציאַליסטן זענען: קיערקעגאַרד, סאַרטר, קאַמוס, מאַרסעל, בובער און אַ סך אַנדערע. די דאָזיקע פילאָסאָפיע איז שוין אַנדערש דערמיט, וואָס זי איז אַ פילאָסאָפיע פון אַקטיוויטעט. זי איז אַ רעזולטאַט פון אָנטייל נעמען און זיין אַנגאַ־

— וויל, ווי מיר האבן דערמאנט, זענען די ארויסגעלאזן געווארן פון דער ניו־יארקער אויסגאבע. די אנדערע פארטרעטן פון די „נאענטע געשטאלטן“ זענען געשריבן אין אן ענלעכן סטיל און אופן — און מאנגער האט אויפגעלעבט פאר אונדז א גאנצע גאלעריע פון שעפער פון דער יידישער ליטעראטור.

— ב —

איציק מאנגער האט ארויסגעוויזן גרויס פארשטענדעניש פאר די יידישע פראזע־שרייבער, ווי מען קאן עס זען אין זיינע אפהאנדלונגען וועגן אקסנפעלדן, דיקן — און שלום־עליכמען — ווו ער דערקלערט, אז עס איז געוועזן נאר „איין שלום־עליכם, ווייל אזעלכע געשטאלטן ווי שלום עליכם זענען נישט קיין געניאליש־עפיזאדישע אויפטאקטן און אויפבליצן, וואס יעדע גרעסערע און קלענערע ליטעראטור פארמאגט זיי. אזעלכע געשטאלטן ווי שלום עליכם׳ס זענען א לייטערונג פון דורות העזויות, צער חכמה און עקשנות“.

אבער נאך טיפער האט ער באנומען די יידישע פאעזיע — וואס ער האט געהאלטן, אז „זי איז די העכסטע און געלייטערטסטע דערגרייכונג פון דער יידישער ליטעראטור“.

אין די עסייען וועגן די יידישע פאעטן זעט מען מאנגערן ווי דעם גרויסן און טיפן אפשאצער, וואס באנעמט די אידלסטע און צארטסטע טענער. בשעת מען לייענט מאנגערס עסייען וועגן די פאעטן, דערשפירט מען גליך, אז ער האט געלייענט די פאעזיע מיט גרויס פארגעניגן און מיט פארשטענדעניש, און ער האט אנגעהאלטן די גלייכגעוויכט צווישן די צוויי עלעמענטן — און די הנאה און פארשטענדעניש האט ער געטיילט מיט זיין לייענער.

מאנגער איז געוועזן באגייסטערט פון די אמעריקאנער „יונגע“ — מאני לייב, זישא לאנדוי, ראובן אייזלאנד און י. ראלניק. און די וואס ווילן וויסן וואס די „יונגע“ האבן אויפגעטאן פאר דער יידישער פאעזיע, וועלן דארפן לייענען מאנגערס עסייען וועגן זיי.

די קורצע עסייען וועגן יוסף ראלניקן צייכענען זיך אויס מיט זיין ארויסברענגען ראלניקס „נאטור־סימבאליק“, די „ביבלישע אקצענטן“ — און ווי אזוי ער האט „פארביבלישט א לאנדשאפט“. גראד דער רומענישער, אדער בוקאווינער מאנגער קומט ארויס און באווייזט ווי די ליטוואקעס האבן „כמעט ווי א חזקה אין אונדזער שיינער ליטעראטור צו מאלן די נאטור“.

מאנגער שרייבט, אז מען קאן עס זען „פון דוד איינהארנס ציטערדיקע בעריאזקעלע ביז לייוויקס פרעכטיקע שניי־לאנדשאפטן, משה קולבאקס וואסער־ און וואלדגעמעלן, גראדעס אויסגעצייכנטע בערג־הימנעס און יוסף ראלניקס סובטעלער נאטור־סימבאליק“. מאנגער ווייזט אויך אן וואס עס פארבינדט ראלניקן מיט די „יונגע“ און זיין ווייטערדיקע אנטוויקלונג.

פול מיט באגייסטערונג זענען די עסייען וועגן מאני לייבן — עס איז אבער א התלהבות וואס קומט אויף ביים פאעט־קריטיקער אוממיטלבאר — אבער אין דער זעלבער צייט, גיט ער אן אנאליז פון מאני לייבס לידער, וואס באַרעכטיקן זיין ענטוזיאזם. ער רעדט וועגן דער מוזיק פון מאני לייבס לידער און וועגן דעם ניגון — עס איז א ניגון, זאגט מאנגער, וואס „דארף זיך זינגען אין דיר אן א קול“.

מאנגער רעדט וועגן דעם, אז אן אייביקע יוגנט איז געלעגן אין מאני לייבן. ער ווייזט אן, אז מאני לייב איז געוועזן איינער פון די ערשטע וואס האט באנומען די שיינקייט פון די יידישע פאלקס־מאטיוון — ער האט אויך אפגעשאצט סלאווישע פאלקס־מאטיוון, און ער דריקט זיך אויס, אז „די יידישע און סלאווישע פאלקס־מאטיוון זענען א שיינער און קילער שאטן אונטער מאני לייבס פאעטישן בוים“.

מאנגער האט געשריבן א באגייסטערטע אפהאנדלונג וועגן „יונג ישראל“ — וועגן די פאעטן און פראזאיקער. עטלעכע פון דער גרופע וואס ער דערמאנט, ווי רבקה באסמאן, ש. ווארזאגער, משה גורין, משה יונגמאן, האבן זיך אנטוויקלט און פארנעמען וויכטיקע ערטער אין דער יידישער ליטעראטור.

אין בוך זענען פאראן נאך צענדליקער עסייען — וואס יעדער איינער איז ווערטיק — אייגנארטיק און שעפעריש, און מיר זעען מאנגערן, דעם סובטעלן אפשאצער פון דער יידישער פאעזיע.

---

# בילדער־אויסשטעלונג אין ׳קדימה׳

די דריטע בילדער־אויסשטעלונג פון יידישע מאלער און סקולפטארן האט זיך אויסגעצייכנט מיט איר הויכן ניווא — און גוטער ארגאניזאציע.

145 בילדער פון 32 מאלער און סקולפטארן האבן געבראכט צום אויסדרוק זייערע שטימונגען, געפילן און מאלערישע באגאבונג. פראפעסיאנאלן און אמאטארן האבן געשטעלט זייערע שאפונגען צום משפט פון בילדער־ליבהאבער. יעדער קינסטלער טראגט ביי זיין אינדיווידואליטעט צום אוניווערסאליזם פון קונסט.

מיט געבן די מעגלעכקייט יידישע קינסטלער אויסצושטעלן זייערע שאפונגען, האפט די „קדימה“, אז אין דער אוניווערסאלקייט פון מאלעריי, סקולפטור, וועלן זיך געפינען ספעציפיש יידישע שטריכן, די דורותדיקע ירושה פון יידישער מחשבה.

אין זייערע מאטיוון האבן די סקולפטורן פאראייביקט דאס יידישע שטעטל, אירע טיפן און דעם פאלקלאר. אויך די בילדער האבן פארמאגט יידישן פיזאנאש, צוזאמען מיטן אויסטראלישן. דאס באווייזט, אז אונדזערע קינסטלער, דער עמיגראנטישער דור האט אויפגעכאפט דעם ניואנס צווישן דער אייראפעאישער לאנדשאפט, מיט וועלכער זיי האבן אפגעלעבט א האלבן לעבן און דער אויסטראלישער לאנדשאפט, וועלכע מען זעט ערשט אויסער די גרענעצן פון דער גרויסער שטאט.

די אויסשטעלונג איז געווען אפן פון דעם 7טן ביזן 14טן נאוועמבער 1982 אין לעא־פינק זאל פון „קדימה“.

ד״ר אליהו שולמאַן

# קריטישע עסייען פון איציק מאַנגער

איציק מאַנגער: „שריפטן אין פּראָזע". פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב 1980, 496 זייטן.

— א —

איציק מאַנגער איז געווען אַ פּאָעט, אַ דערציילער, אַ קריטיקער און אַ שילדערער פון פּערזענלעכקייטן. אין די אַלע פאָרמען האָט ער זיך אויסגעצייכנט — און אין אַלץ וואָס ער האָט געשריבן האָט ער אַרויסגעוויזן זיין באַגאַבטקייט, ווייל ער איז געווען באַשאָנקען מיט טאַלאַנט און מיט אַן אויסערגעוויינלעכער סענסיוויטעט און שפּירעוודיקייט, איז ער געוואָרן אַ וויכטיקע פיגור אין אונדזער ליטעראַטור — און ער איז געווען און איז באַליבט ביי די לייענער. נישט אומזיסט ווערן גאַנץ אָפט אַרויסגעגעבן נייע זאַמלונגען פון זיינע פאַרשידנאַרטיקע שריפטן — אַצינד איז אַרויס אַ פיינע, סאָלידע זאַמלונג פון זיינע „שריפטן אין פּראָזע", אויסגעקליבן פון שלמה שוריצער.

אין די „שריפטן אין פּראָזע" זענען אַריין אַכט־און־פערציק עסייען, וואָס אַ טייל איז פּובליקירט געוואָרן, פאַר דער מלחמה, אין ידישע צייטונגען און זשורנאַלן אין וואַרשע און דער גרעסטער טייל איז געווען געדרוקט ערשט נאָך דער מלחמה.

שלמה שוריצער האָט די אַלע עסייען אויפגעזוכט און די אַריינגעגעבן אין בוך. עס איז געוויס אַ וויכטיקער אויפטו און ער פאַרדינט אונדזער אַלעמענס דאַנק — ווייל ער האָט אָפּגעראַטעוועט פון פאַרגעסנקייט אַ גאַר וויכטיקן טייל פון מאַנגערס ירושה.

אין איינער פון די עסייען אין בוך דריקט אויס מאַנגער זיין מיינונג וועגן דעם קריטיקער ב. ריווקין. מאַנגער האַלט, אַז ריווקין איז געווען אַ קריטיקער אָן אַ מעטאָדע און אַז ער „האָט בלויז אָפּערירט מיט קריטישער אינטואיציע". איך ווייס נישט ווי אַזוי געניי צו כאַראַקטעריזירן מאַנגערס קריטישע מעטאָדע — אָבער פּונקט ווי ריווקין, האָט ער אָפּערירט מיט קריטישער אינטואיציע. אָבער חוץ אינטואיציע האָט ער אויך אָפּערירט מיט וויסן, מיט פאַרשטענדעניש און אים איז געלונגען אַריינצודרינגען אין סאַמע תוך פון אַ פּאָעטס שאַפונגען און אַרויסברענגען דעם מהות פון זיין קינסטלערישער שאַפונג. טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט נישט געהאָט קיין באַשטימטע מעטאָדע, האָט ער באַנוצט פאַרשידענע עלעמענטן פון קריטיק.

דאָס בוך הויבט זיך אָן מיט זיינע „נאָענטע געשטאַלטן" — מערקווירדיקע שילדערונגען — פון פאַרשידענע ידישע שרייבער, זינגער און — וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער, דעם כעלמער רב און וועגן דער גאַלדענער פּאַווע.

אין דעם בוך גייען אַריין אַלע צוואַנציק געשטאַלטן, וואָס ער האָט אַרויסגעפירט — מיט דריי מערער ווי עס זענען אַריין אין באַנד „נאָענטע געשטאַלטן און אַנדערע שריפטן", וואָס עס איז אַרויס אין ניו־יאָרק אין 1961 — עס זענען צוגעגעבן געוואָרן די געשטאַלטן פון איזיק וואַליך ווירמייסן, איציק אייכל און ישראל אַקסנפעלד.

אין קורצע שטריכן איז מאַנגערן געלונגען צו שילדערן ר׳ איזיק וואַליכן, דעם פּרנס, וואָס איז געווען פאַראינטערעסירט אין די ידישע לידער, וואָס זענען געזונגען געוואָרן אין זיין צייט — אין דעם 17־טן יאָרהונדערט — און האָט זיי פאַרשריבן. מאַנגער לעבט אויף די סביבה, דאָס לשון און מען דערפילט באַשיינפערלעך די גאַנצע אַטמאָספערע ווען וואַליך האָט געלעבט.

מאַנגער איז טיף אַריינגעדרונגען אין דער נשמה פון דעם פּרנס פון וואָרמס — און ווען ער דערמאָנט זיך וועגן אַ געוויסער ליד — האָט „ער דערפילט שאַרף און וויטיקלעך די פאַרגאַנגלעכהייט פון אַלץ — און אָט דעם נאָגנדיקן געפיל האָט ער מיטגענומען מיט זיך אַהיים. עס האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן".

עס איז אויך גוט וואָס שוריצער האָט אַריינגענומען די פּאָרטרעטן פון איציק אייכל, דעם מחבר פון אַ קאָמעדיע אין ידיש, „רב הענעך אָדער וואָס טוט מען דאָמיט". מאַנגער ברענגט צוזאַמען איציק אייכלען מיט נאָך אַ משכילישן שרייבער פון בערלין, אהרן האַללע וואָלפסאָן. ביידע זענען געווען קנאַפּע פריינד פון ידיש און אייכל האָט געבריבן זיין קאָמעדיע כדי אויסצולאַכן די אַלטמאָדישע ידן מיט זייער ידישקייט און מיט זייער ידיש רעדן. אייכל איז נישט געווען זיכער ווי אַזוי וואָלפסאָן וועט אויפנעמען זיין קאָמעדיע, וואָס איז געשריבן אויף ידיש— אָבער די קאָמעדיע מאַכט אויף אים אַזאַ איינדרוק, אַז „ביי אים אין דמיון האָט זיך אויך עפּעס אָנגעהויבן צו וועבן אַ לוסט־שפּיל אויפן שטייגער פון איציק אייכלס קאָמעדיע". און ער האָט טאַקע אָנגעשריבן אויף ידיש זיין קאָמעדיע „לייכטזין און צביעות" — „אַ פאַמיליע געמעל אין דריי אַקטן".

מאַנגער ווייזט אָן, אַז די אַזוי־גערופענע פּאָזיטיווע געשטאַלטן אין אייכלס קאָמעדיע, די וואָס רעדן דייטש זענען פאַרנעפּלט, בלאַס און אַנעמיש און גראָד דער אַלטפרענקישער רב הענעך, מיט זיין פרומקייט און מיט זיין ידיש לשון, קומט אַרויס לעבעדיק. מיט פיינע שטריכן איז געמאָלן דער פּאָרטרעט פון ישראל אַקסנפעלד — דעם דראַמאַטורג און נאָוועליסט פון דער השכלה תקופה. אַקסנפעלד פלעגט זיינע זאַכן לייענען פאַר זיינע פריינד. אָבער נאָר אַ קליינער טייל פון זיינע כתב־ידן איז אָפּגעדרוקט געוואָרן.

„עס איז מיר אַ גרויסער וויטיק, האָט אַקסנפעלד אָפּגעזיפצט, וואָס מיינע כתב־ידן ליגן אין שופלאָד".

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די דריי פּאָרטרעטן

י. מ. לעווין

# יידן פון עקלאַנד־סטריט

ווער זענען זיי, די פון סאַנטקילדאַ גאַסן,
פון וועלכן שבט, פון וועמענס זרע?
זענען זיי געמעלן פון פוילן, ליטע, רייסן —
הוילע שאָל — צי דער קערן פון דער פרי?

פון וועלכע הימלען זענען זיי אַראָפּגעפאַלן,
וועלכער וואָלקנבראָך האָט זיי אַהער דערטראָגן,
זענען זיי צעפּליקטע שיימעס פון פאַרגעסענע אַננאַלן,
די גניזה פון אַמאָליקע פאַרטאָגן?

זיי זענען אָנגעטראָגן ווי פלעווס נאָכן דרעשן
געיאָגט מיט פייערשמיץ פון ברוינעם גרויל;
שטילע וואַסערן געזוכט די בראַנד צו לעשן,
און מוזן טרינקען מיט ביטערניש אין מויל.

שמייען זיי אַרום, הענגען ביי יעדער טיר
צונויפגעקופּעט אינעם ליאַרם פונעם טאָג,
מיט דורשטיקע מיילער צו דריי און פיר
אין דער פרעמדקייט פון עקלאַנד־סטריט, יעדן פגא טאָג.

דאָ צעוויקלען זיי די שלייערן פונעם נעכטן —
אַ נייעם מינהג אין חגאדיקן תמיד —
געבליצט האָט דער חלף — און נישט דערשאָכטן —
רייסן וונדן דאָס ליכט פון טאָג מיט אומעט.

זוניקט אויף אַ שמייכל — איז עס אַ בלום פון טרויער,
ווי די ליפּן פון אַ לץ איינגערעמט אין גרים;
נישט צו פאַרשטיין רמזדיקן שלייער
פון אַ פּנים מיט אַ מאָל צעקרימט.

ס׳איז דאָ צו אַש געוואָרן ס׳ירושה כתב.
דער אַלטער אוצר צעטרענצלט ביי אַ טעפּל קאַווע;
מיט רוגזה אָפּגעוואָרפן יעדן „לא״, יעדן „לאו״,
און געבליבן קוים איז אַ פעדער פון דער פּאַווע.

דאָרט פלעגן טאַטעס שפּאַלטן וועלטן
ביי אַ שלונג וואַסער און אַ כזית ברויט,
געווען איז „אשרי״, ווייל דעם יידס געצעלטן —
און היט זיך, ייד, ווי פאַר פייער פון קויט!

ערגעץ אויף די וועגן אין בלוטיקן געטראָט
טאַטעס עולם־הבא געוואָרן איז צעטראָטן,
און די תפילה־טרער וואָס פאַרוויכט אַ געבאָט,
אויף ספק עולם הזה געוואָרן איז פאַרביטן.

פלאָנטערט זיך סומנער אומעט אינעם גאַס גערויש,
און שרעקט מיט פוסטקייט ווי אַ חולהס לידיק בעט.
די פון פוילן, ליטע, רייסן אין גראַטעסקן טויש
דאַוונען מיט קאַסטרירטן גלויבן אַ פרעמד געבעט.

גייט דער טאָג דאָ אויס ראַכיטיש בלאַס, פאַרשעמט,
נאָכן זלידנעם טומל פון אַ ביליקן יריד,
ס׳הויערן פּנימער אין בלאַסקייט איינגערעמט
איבער טראָטואַרן פון נאַכטישער עקלאַנד סטריט.

אין אָנגעהויפּטן שלומער פון ביינאַכטיקן דויער
די שטילקייט דריקט ווי פאַרקאַלכטע לאַווע,
ס׳טונקלען זיידעס אויגן ברונעמער פול מיט טרויער.
טרער נאָך טרער פאַלן אויפן ארון פון דער פּאַווע.

# ליכט

צינד אָן אַ ליכט, מיין זון,
ס׳איז טונקל אויף דער וועלט,
תוהו ובוהו שפּרייט זיך
אומגעשטערט...

אַ ליכט אין מיטן טאָג? —
אַ וואָלקן האָט די זון פאַרשטעלט —
וועט אַ ליכט העלפן — טאַטע, זאָג...

אין פינצטערניש וועט דינסטער שטראַל אַ ייש...
צינד אָן צוויי ליכט,
דריי צינד אָן —
זאָלן מערן זיך די יישן,
ווייל דער חושך לויערט,
און תוהו ובוהו
קען ווידער הערשן ווי אין ערב בראשית.

כ׳האָב די ליכט געצונדן,
און ס׳איז נישט אַן עוקץ בעסער —
די פלעמלעך ציטערן אין פחד,
לעשן זיך —
און די שאָטנס אַרום זיי
וואַקסן אימהדיקער, גרעסער.

צו שוואַך איז מיין ליכט —
עס פעלט די בענטשונג
פון אור־אַלטן יהי אור.
זון —
מיט בטחון טרייב די פינצטערניש
פון דער זוך,
ליכט וועט דאָך אָנטפּלעקן
דעם דחק
פון רחמים און צדק;
פריי וועט ווערן ערד און מענטש
פון תוהו ובוהו בלאָנדזשעניש,
פון פחד און פון טרויער —

צינד נאָך מער ליכט,
און מיט כוונה זאָג די ברכה:
זאָל זיין ליכט,
יהי אור!!!

לעבן פון זײַן דור — האָט ער דאָס איבערגעלעבט. זײַן בעלעטריסטיק איז געווען אַן עמאַציאָנעלע וויזיע פֿונעם שרײַבער פון אַ ביטערער ווירקלעכקייט. וואָס האָט ברענער געוואָלט? אַז דאָס ייִדישע לעבן זאָל נישט ווערן פֿאַרקריפּלט און פֿאַרדאָרבן. גענוי ווי עס האָבן אויך אַ רײ שרײַבער געקעמפט קעגן דער טענדענץ פֿון אַוועקגיין פֿון פיזישער אַרבעט. זיי האָבן דאָס געטאָן מיט דער הילף פון דער דערציילונג, ליד, עסיי און אַרטיקל. זיי האָבן גערעדט צו קרײַזן פֿון פֿאָלק וועגן דער נויטיקייט פון עליה און וועגן דער אויסשליסלעכער נויטווענדיקייט פון ייִדישער אַרבעט.

די מערהייט וואָס איז געקומען זיך באַזעצן אין לאַנד, האָט געאַרבעט, און באַאַרבעט האָבן זיי נישט בלויז די ערד; מיטן ווילן און אַרבעטס־מכשירים זענען זיי געקומען אין באַריר מיט די פעלזיקע בערג פון ירושלים, כרמל און גליל. זיי האָבן געאַרבעט ביי האַקן און טעסען שטיינער און ביים בוי. ביי אַלץ האָבן זיי געאַרבעט לויט די באַדערפֿעניש פון לאַנד, אָריענטירט לויט דער וויזיע וואָס ער דאַרף און וואָס עס קען אַ ייִדישער מענטש טאָן פֿאַרן לאַנד. די פּערזענלעכע און געמיינזאַמע שטרעבונג איז געווען צונויפצופאָרן דאָס מאַטעריעלע מיטן גייסטיק; אַ מין באַנײַטע ייִדישע דריי־אייניקייט: מענטש, ערד און הימל; אַלץ וואָס אין איר, אונטער איר און איבער איר. און אַ דאַנק דעם האָבן זיי זיך אויך אַרײַנגעפּאַסט אינעם נײַעם שעפֿערישן לעבן, טריט נאָך טריט, אין הסכם מיט די מעגלעכקייטן פון רעאַליזירונג.

די העברעאישע ליטעראַטור וואָס האָט געזען די ארץ־ישראלדיקע ווירקלעכקייט מיט אַלע אירע גרויזאַמקייטן, מיט אַלע פיזישע פּײַנען און גייסטיקע דעפּרעסיעס ווי עס האָבן עס געבראַכט צום אויסדרוק אהרון ראובני אין „עצבון" און אין „שמות", און ווי ברענער האָט אונדז אויפגעטרייסלט מיט זײַן „שכול וכשלון" און ש. י. עגנון אין זײַן „תמול שלשום", האָט זי גלײַכצײַטיק אַנגעדייט וועגן באַלוינונג און תיקון פֿאַרן לעבנס־המשך פון דעם דאָזיקן פֿאָלק. זי האָט געפֿאָדערט ווידערשטאַנד ביז דער ישוב וועט זיך פֿאַרשטאַרקן און וועט קענען ווערן היים.

מעגלעך אַז אַזעלכע פּראָבלעמען עקזיסטירן נישט אין די ליטעראַטורן פון דער מערהייט פֿעלקער אין דער וועלט, אָבער ביי אונדז — ווי איז מעגלעך איבערצורײַסן די פֿאַרבינדונג צווישן ייִדישער אַרבעט אין אונדזער ליטעראַטור? אָט די פֿאַרבינדונג האָט געשאַפן סאָציאַלע ווערטן און דורך קעגנזײַטיקער השפעה — נײַע מאָראַלישע און עסטעטישע ווערטן. דורך דער דאָזיקער פֿאַרבינדונג איז פֿאָרמירט געוואָרן דער ייִדישער אַרבעטנדיקער מענטש, און צוזאַמען מיט אים איז געשאַפן געוואָרן די העברעאישע ליטעראַטור, וואָס איז דורכאויס לויט אירע וואָרצלען און כאַראַקטער, ארץ־ישראלדיקע ליטעראַטור.

איך ווייס זייער גוט אַז אַזעלכע מאָטיוון קלינגען הײַנט מאָדנע, אפשר אויך אומפֿאַרשטענדלעך. דעריבער שפּיגלט נישט אָפּ אונדזער ליטעראַטור אונדזער דור און אומגעקערט: נישטאָ קיין קעגנזײַטיקע פֿאַרבינדונג און נישטאָ קיין קעגנזײַטיקע פּאָזיטיווע השפעה. איינער הערט נישט דעם צווייטנס שטימע, און אויך די פֿאַרבינדונג צווישן שרײַבער און לייענער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און צײַטנווייז איז זי בכלל איבערגעריסן געוואָרן.

דעריבער איז שוין צײַט פֿאַר באַנײַאונג און אפשר איז פֿאַראַן אַ נויטווענדיקייט פֿאַר אַ נײַעם פֿאַרמעסט אין אונדזער ליטעראַטור. כדי צו פֿלעגן די געהעריקע וויזיע פֿאַר קיום, כדי צו אָנערקענען די ווערטן פֿון ציוניסטישער פֿאַרווירקלעכונג.

וועט איר דאָך טענהן: אַ מאָביליזירטע ליטעראַטור? מעגלעך. און פֿאַרוואָס נישט? פֿאַרשטייט זיך, נישט קיין באַשטעלטע, נאָר אַ ליטעראַטור וואָס צילט די מענטשן זאָלן זען זיך אַליין אין דער קעגנוואַרט און אין פּערספּעקטיוו פֿון זייער לעבן אין לאַנד.

עס איז נישט פֿאַראַן קיין מער דערהויבענע אויפֿגאַבע פֿאַר אונדזער ליטעראַטור אין אונדזער עפּאָכע.

---

דוד טאָקער (טשערנאָוויץ)

# אַ נדר

דוד טאָקער פון טשערנאָוויץ, האָט געוווּנען דעם פּריז פֿאַרן בעסטן ליד אויף ייִדיש ביי דער מאָסקווער ייִדישער זינגעריי (אָקטאָבער 1980).

ווען איך בין אַ ייִנגעלע געווען
האָב איך זיך געלערנט אין חדר,
און מיך האָט דער רבי געשלאָגן
אַז איך זאָל זיך נעמען אַ נדר
רעפריין:
אַ נדר, אַ נדר
אַז מען טאָר ניט אויסזאָגן פון חדר
אַ נדר, אַ נדר
אַז מען טאָר ניט אויסזאָגן פון חדר
די מומע דוואָסיע* — אַ מאָדיסטקע
און גאָר אַ שיינע מאַדאַם,
זי עסט אַ גוישע סאָסיסקע**
און טראָגט אַ רויטן סאַראַפֿאַן,
טראָגט זי טראָגט אַ טאַנגאַ־שליאַפּע
מיט אַ שטראַספּעדער,
און וואָס עס טוט זיך אונטער דער שליאַפּע, אוי וויי —
טאָר מען ניט אויסזאָגן פון חדר
רעפריין: אַ נדר, אַ נדר...
אַוועקגעפֿלויגן די יאָרן
און אָט בין איך שוין אַ גרויסער,
נאָר איצטער לאָזט מען מיך ניט פֿאָרן
איך זאָל ניט אויסזאָגן פון חדר
רעפריין: אַ נדר, אַ נדר...

---

*) די מומע דוואָסיע — דאָ געמיינט דעם סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד.

**) סאָסיסקע — ווורשטל (רוסיש).

אריה ליפשיץ

# די ישראלדיקע ווירקלעכקייט — און די העברעאישע ליטעראַטור

(באַטראַכטונגען)

היינטיקע צייטן אַז מיר הערן די צוויי דערהויבענע ווערטער „וויזיע" און „פאַרווירקלעכונג", איז ווי מ'וואָלט פון אונדז חוזק געמאַכט. דעם וואָס ס'איז אויסגעקומען צו לעבן אין ארץ־ישראל צוואַנציק און דרייסיק יאָר פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה קען זיך בשום אופן נישט פאָרשטעלן דעם זין און באַדייטונג פון די־אַ צוויי ווערטער. העכסטנס וואָלטן מיר געקענט זאָגן, אַז וויזיע און פאַרווירקלעכונג זענען נאָר אַן אידעאַל, אַ מין גייסטיקער באַגער, וואָס עס איז אָבער נישט צו דערגרייכן. ס'קומט אונדז אויס, אַז דער זין פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַל־קולטורעלער וויזיע איז ווי פאַרשוווּנדן און אויב נישט פאַרשוווּנדן איז ער זייער געשעדיקט געוואָרן. און וואָס שייך פאַרווירקלעכונג אינעם אמתן זין איז ער אוודאי בלאָסער געוואָרן. אַפילו לויט די איינפאַכע פאָלקסבאַגריפן פאַרמאָגט ער ניט קיין שום אינהאַלטלעכן ווערט.

די ליטעראַטור אין דעם דאָזיקן קאָמפּליצירטן ענין באַקומט אוודאי אַ נעגאַטיווע שייכות, אויב עס האַנדלט זיך אין אַ ליטעראַטור, וואָס איז נישט אין קיין געהעריקער מאָס פאַרבונדן מיטן לעבן. וואָס אַ יאָר, אַלץ מער ציט זי זיך צוריק אין ספערן פון יחידישן דענקען, פאַרשאַנצט זיך אין קאַפּריזן פון אינדיווידואַליזם, ווי קיין זאַך גייט איר נישט אָן. מ'רעדט אַ סך וועגן „שעפער" און „שאַפונגען", וואָס בעצם האָבן זיי גאָרנישט צו טאָן מיט דער אידייע פון געשטאַלטן דעם יידישן מענטשן אין דער נייער געזעלשאַפט, וואָס קעמפט פאַר דער צוקונפט פון איר היים. עס איז פאַראַן אַן אַלץ מער באַגרינדעטער איינדרוק, אַז אויסער יחידים גיט זיך די מערהייט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט ליטעראַטור מער אָפּ מיטן סטיל פון שרייבן, מיט וואַריאַציעס פון סימבאָלישער פאָרמוליסטיק, צוליב עקספּערימענטן פון שטראָמבאַוווּסטזיין, מיט פאַרשידענע נאַרציסטישע פאַרלאַנגען. צייטנווייז שטייסטו און דו שטוינסט: וואָס וויל די דאָזיקע באַנייטע ליטעראַטור וואָס איז נאָך נישט דערגאַנגען אַליין זיך צו פאָרמירן, און לאָזט זיך שוין אַריין אין דעקאַדענטישע ספערעס און ווייזט אַפילו אַרויס טענדענצן פון דעפּעטיסטישער ליטעראַטור?

צי נעמען מיר אין באַטראַכט די צוויי הויפּט־סיבות פון דער אָפּשוואַכונג פון אונדזער פּאָזיציע אין לאַנד, וואָס איז אימשטאַנד צו צעשטערן אונדזער גאַנצע עקזיסטענץ — די עליה און די אַרבעט? די העברעאישע ארץ־ישראלדיקע ליטעראַטור, זינט זאב יעבץ, יוסף חיים ברענער און חיים הזז, איז אַרויסגעוואַקסן פון דער ווירקלעכקייט, און צו דער ווירקלעכקייט פון אַרבעט האָט זי געשטרעבט און דערצויגן. איצט שטעלצירט מען עפּנטלעך מיט אָפּקערן זיך פון פאַרשידענער פיזישער אַרבעט און דערמיט אַנטוווּרטעט מען איר נאַציאָנאַלע באַדייטונג — און אין אונדזער שיינער ליטעראַטור געפינט מען כמעט נישט קיין אויסדרוק פאַר דער אידייע פון אַרבעט.

נישט לאַנג צוריק האָט דער מיניסטער פאַר אַרבעט און וווילשטאַנד דערקלערט, אַז זעכציק טויזנט אַראַבישע אַרבעטער פון די שטחים קומען טעגלעך אַרבעטן אין דער ישראלדיקער ווירטשאַפט, און דער דאָזיקער פאַקט שאַפט מיט זיך אַ מענטשלעכע בריק צווישן זיי און אונדז. זייער פיין, אָבער צי קלערט נאָך ווער וועגן טרויעריקן אמת, אַז זעכציק טויזנט יידישע אַרבעטער האָבן לגמרי פאַרלאָזט די דאָזיקע אַרבעט? און די אַראַבישע אַרבעטער אין דער גרינער ליניע? — די בעסטע פאַכן און דאָס בויוועזן איז אין זייערע הענט. ווער בויט וווינונגען, ווער פלאַסטערט וועגן לענגאויס דעם לאַנד? נישט ווייט נעבן מיר אין ירושלים בויט מען אַ גרויסע שול, און אָנגעהויבן פון אירע בעטאָנען באַזעס, שטיינער־ווענט ביז דעם געגאָסענעם דאַך פון אַספאַלט — איז ביי דעם קיין איין יידישער אַרבעטער נישט באַשעפטיקט! אַזוינס איז נאָך נישט געשען.

צי איז די דאָזיקע שייכות צווישן וויזיע און פאַרווירקלעכונג נישט קיין ענין פאַר ליטעראַטור? אָט פירט דאָ אַ קליינער טייל פון פאָלק אַ קאַמף פאַר קיום פון יידיש־לעבן און אַ סך מיליאָנען יידן האַלטן נישט פאַר נויטיק צוצושטיין צו אונדז כדי צו שטאַרקן ישראל דורך זיכערקייט, עקאָנאָמיש און קולטורעל. און נישט נאָר דאָס, נאָר בכלל נישט פאַראינטערעסירט און ווילן בפירוש זיך נישט באַזעצן אין ישראל. ווו איז די שטים פון שרייבער? אפשר קען די ליטעראַטור וואָס איז פאַרוואָרצלט דאָ אין לאַנד, עפּעס דאָ אויפטאָן?

צי איז נישט מעגלעך, נישט בלויז אויס אינספּיראַציע, נאָר אויך מחמת גייסטיקער מאָביליזאַציע זיך נעמען אַ וועק־טאָן גלייכגילטיקע אָדער פּשוטע מענטשן, וואָס זאָלן אָנערקענען די באַדערפעניש פון פאָלק און זייער אייגענע צוקונפט, און קודם־כל זיך אָפּרייסן פון די השפעות פון אַסימילאַציע און אינטעגראַציע. דאָס וואָס עס געלינגט נישט אונדזערע עסקנים — און קלאָר אַז עס געלינגט זיי נישט — אפשר וועט קומען די טיףרירנדיקע דערציילונג, דאָס וועקנדיקע ליד, די לאָגישע עסיי, און ווירקן יידן זאָלן מאַכן דעם ריכטיקן שריט פאַר זיך און פאַרן פאָלק?

ענלעכס דערצו איז שוין געווען ווען די וויזיע האָט אויפגעהערט און ס'האָט געפעלט די נאַציאָנאַלע פאַרווירקלעכונג. געדענקען מיר יוסף חיים ברענערס קאַמף אויפצודעקן די סיבות פון דער נידערלאַגע און צוריק אויפרעכטן דעם מצב. ווען ברענער האָט דערציילט וועגן

4־טן נאָוועמבער, 1979), ווען די הפקרדיקע מולאס, אָנגעשיכורט מיט דער זיגרייכער רעוואָלוציע קעגן שאַך, האָבן פאַרכאַפּט 52 אַמעריקאַנער בירגער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דיפּלאָמאַטישער דינסט, אויף דער טעריטאָריע פון איראַן.

איינער וואָס האָט נישט פאַרגעסן — איז דער געוו. פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דזשימי קאַרטער. אין די אויסצוגן פון זיינע מעמואַרן געפינען מיר אַ דעטאַלירטע אָפּהאַנדלונג (ממש שעה ביי שעה) פון די געשעענישן.

אין אַט די דראַמאַטישע טעג האָט קאַרטער אויסגעהערט עצות פון איינפלוסריכע מלוכהשע דעפּאַרטאַמענטן און פּערזענלעכקייטן, ווי אַזוי צו באַפרייען די פאַרכאַפּטע דיפּלאָמאַטן, וועלכע עס האָט געדראָט טויט פון די הענט פון פרימיטיווע מענטשן, אין נאָמען פון אַ „הייליקער" רעוואָלוציע.

אין קאָן איז אויך געשטאַנען דער פּרעסטיזש פון אַ וועלט־מאַכט, וועלכע האָט זיך מאַכטלאָז צוגעקוקט, אָן ממשותדיקע מעגלעכקייטן צו האַנדלען. אמת, די אַמעריקאַנער, וואָס זענען שטאָלץ מיט זייער לאַנד און אירע מעגלעכקייטן, האָבן שוין איין מאָל געפילט דעם טעם — פון זיין דער פאַרשפּילטער צד (די פּרשה וויעטנאַם). אָבער אַזאַ ביטערע פּיל, איז סתם געווען שווער אַראָפּצושלינגען.

צווישן די דראַסטישע עצות איז געווען: וואַרפן אַן אַטאָם־באָמבע אויף טעהעראַן. דער פּרוּוו צו ראַטעווען די אַרעסטירטע דורך אַ מיליטערישער לופט־אָפּעראַציע (אַן אַמעריקאַנער ווערסיע פון ישראלס „ענטעבע"), האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ פאַרדריסיקן דורכפאַל, וואָס האָט נאָך דערצו געקאָסט אַכט מענטשלעכע קרבנות.

דעם „העפּי־ענד" וויסן מיר: די 52 אַמעריקאַנער האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים געזונט, נאָך דער 444־טעגיקער געפאַנגענשאַפט, און קיין בלוט־פאַרגיסונג איז נישט געווען.

לאָגיש — האָט עס באַדײַט אַ זיג פאַר דער קאַרטער־פּאָליטיק — ווייל דעם פּרעזידענטס דעציזיע האָט געקאָנט אויך זיין פאַר דראַסטישע מיטלען.

צוליב דער אויסגעצויגענער צייט פון דער אַקציע פאַר באַפרייאונג, איז דערווייל נאָך מער פאַרווונדעט געוואָרן דער אַמעריקאַנער פּרעסטיזש (וואָס איז נאָך נישט געקומען צוריק פון וויעטנאַם „וואָטערגייט"), און דאָס האָט וואַרשיינלעך געקאָסט קאַרטערס שאַנסן צו אויסגעווילט ווערן אויף אַ צווייטן טערמין אַלס פּרעזידענט. אגב, קאַרטער אַליין נעמט עס אָן פאַר דער הויפּט־סיבה פון זיין דורכפאַל.

★

אין קאָנטראַסט צו די אַלע אַנטענטאַטן אויף אַמעריקאַנער פּרעזידענטן, וועלכע זענען אינספּירירט געוואָרן צוליב פּאָליטישע מאָטיוון, האָט דער אַטענטאַט אויפן איצטיקן אַמעריקאַנער פּרעזידענט רעיגען געטראָגן אַ „ראָמאַנטישן" כאַראַקטער. דאָס איז אויך אַ סימפּטאָם פון קרענקלעכע איינגשאַפטן, וואָס זענען אַ רעזולטאַט פון דער צעררודערטער צייט. נישט קאָנענדיק אַריינפּאַסן דעם פאַל אין די איינגעשטעלטע געזעץ־קאָדעקסן, האָט מען דעם פּאָטענציעלן מערדער דערקלערט פאַר „משוגע".

און דאָס אַליין איז שוין אַ סימפּטאָם פון אַ געזעץ־געבונג, וועלכע קאָן נישט אַרומנעמען די אַלע פּראָבלעמען, וואָס אַנטשטייען אין דער געזעלשאַפט און דאָס געזעץ איז מחיב צו רעגולירן...

★

דער ווירבל פון די געשעענישן — פאַרגאַנגענע און הייַנטיקע — וואַרפן אַן אַ מורא אויפן פּשוטן בירגער, מחמת ער ווערט פאַרצווייפלט פון נישט וויסן ווו אויס און ווו איין. ער האָט פאַרלוירן דעם צוטרוי צום געזעץ וואָס קאָן אויסגעטייטשט ווערן פאַרשידנאַרטיק. ער האָט פאַרלוירן דעם צוטרוי צו אָנפירנדיקע פּאָליטישע פיגורן, מחמת זיי דערפילן נישט זייערע האָפענונגען און זייערע דערוואַרטונגען. זייערע דערקלערונגען טראָגן אין זיך נישט מער די קלאָרקייט און די זיכערקייט, מען זאָל זיי קאָנען פאַרשטיין. דער בירגער נעמט אָן, אַז יעדע דערקלערונג איז פאַרבונדן מיטן ווילן עפּעס צו פאַרשטעלן, צו מאַכן דעם נעפּל געדיכטער.

פּרעזידענט קאַרטער איז נישט געווען גענוג ענערגיש. מענטשן־רעכט — זיין הויפּט־טעמע — איז געווען צו צעשוווּמען, מען זאָל קאָנען זען אירע קאָנקרעטע רעזולטאַטן.

פּרעזידענט רעיגען איז צו אויסגעשפּראָכן, צו להוט נאָך מעשים און דאָס שרעקט ווידער אָפּ דעם בירגער און ער פרעגט זיך: צי האָב איך געמאַכט דעם ריכטיקן אויסוויל ביי די פּרעזידענטן־וואַלן?

דערווייל האָט זיך אויפן סאָוויעטישן האָריזאָנט באַוויזן אַ נייער פּאָליטישער שטערן — יורי אַנדראָפּאָוו.

די, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט פּאָליטישער אימפּראָוויזאַציע, האָבן זיך באַלד אַוועקגעזעצט שטודירן די געשיכטע־ביכער, כדי אויסצוגעפינען די ניואַנסן צווישן איין סאָוויעטישן דיקטאַטאָר און אַ צווייטן; זייערע פּאָליטישע מאַנעוורן און זייער אויסווירקונג אויפן אַלגעמיינעם פּאָליטישן צושטאַנד פון דער וועלט און די צווישן־פאָלקישע, אָדער בלאָק־באַציאונגען.

עס איז דאָ אַ מורא, אַז די מערב־געבילדעטע אָפּשאַצער לערנען געשיכטע לויט די מערבדיקע כללים און לאָגיק. קען זיך דער איינפאַכער בירגער פון וואַסער נישט איז פריי לאַנד פאַרלאָזן אויף זייערע פּראָגנאָזן?

ביי יעדער נייער פּאָליטישער אָדער עקאָנאָמישער קאָמפּליקאַציע זוכט דער בירגער הילף אין געשיכטלעכע פאַרגלייכן, און ערשט דאַן הייבט ער אָן צווייפלען, ווייל ער קאָן נישט באַשליסן: וואָס איז ווערט צו פאַרגעסן, און וואָס איז נייטיק צו געדענקען...

ציעס, טראַנספּאָרטן אין די פאַרניכטונגס לאַגערן. די מאַטעריאַלן האָבן אַ גאָר גרויסן ווערט. זיי באַווייזן דער וועלט די נאַצי־פאַרברעכנס באַזירט אויף זייערע אייגענע דאָקומענטן.

מיר ווייסן, אַז ביים היינטיקן טאָג איז טעטיק אַ שטאָב פון געלערנטע, היסטאָריקער, זשורנאַליסטן באַשעפטיקט אין ווען באַווייזן דער וועלט, אַז דאָס אומברענגען אַ דריטל פון ייִדישן פאָלק דורך די נאַציס, איז אויסגעטראַכט געוואָרן דורך ייִדן און ציוניסטן. צום שבח פון די ייִדישע קעמפער אין ווילנע, איז געווען דאָס אָרגאַניזירן אַן אַקציע פון אָפּראַטעווען ייִדישע קולטור־אוצרות — שאַפונגען פון ייִדישע קולטור־מענטשן, געווידמעט ספּעציעל דער נאַצי־תקופה. די אַלע מאַטעריאַלן געפינען זיך אין "יד ושם", ירושלים.

וועגן לאַגער טערעזיענשטאַט זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן מאַטעריאַלן וועגן לעבן און שאַפן פון ייִדן און ייִדישע קינדער, וועלכע האָבן געלעבט אין שאָטן פון טויט. דאָס מאַטעריאַל באַשטייט פון שריפטן, בילדער מוזיק און נאָטן פון אַלטע און ניי־געשאַפענע ייִדישע לידער. דער גאַנצער מאַטעריאַל איז צום גליק אָפּגעראַטעוועט געוואָרן און געפינט זיך אין ישראל. דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די אָפּפערוויליקייט פון ייִדישע פרויען וועלכע האָבן געשמאַכט אין טערעזיענשטאַט.

ס'איז שוין די העכסטע צייט פאַרן מעלבורנער ייִדנטום, און ספּעציעל די שארית־הפליטה צו אָרגאַניזירן אַ חורבן־מוזעאום, בכדי צו קאָנען דערמעגלעכן דעם יונגן דור צו באַקענען זיך דורך אויטענטישע מאַטעריאַלן מיט דער טראַגישער געשיכטע פון זייערע זיידעס און באָבעס, פעטערס און מומעס, וועלכע זענען אומגעקומען אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט מלחמה, אין וועלכער עס האָבן אויך אַנטיילגענומען ייִדישע אָפיצירן און סאָלדאַטן אין קאַמף קעגן נאַציזם.

די קליינע חורבן אויסשטעלונגען וועלכע זענען ביז איצט אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די קאַצעטלער און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ברענגען נישט דאָס פולע בילד פון ייִדישן חורבן. נאָר אַ פּערמאַנענטער חורבן־מוזעאום מיט בילדער, דאָקומענטן שואה־ליטעראַטור אין פאַרשידענע שפּראַכן, רעקאָרדס, וועט דערמעגלעכן דעם יונגן דור צו באַקענען זיך מיט דער טראַגישער תקופה פון אונדזער פאָלק.

אַ גרופּע געזעלשאַפטלעכע טוער צוזאַמען מיטן קאַצעטלער און פּאַרטיזאַנער פאַרבאַנד, „קדימה", שארית הפליטה און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ חורבן מוזעאום אין, מעלבורן וועלכער וועט זיך געפינען אין אַ געגנט פון אַ קאָמפּאַקטער ייִדישער באַפעלקערונג.

מיר גלייבן אַז די ייִדישע געזעלשאַפט און אָרגאַניזאַציעס אין מעלבורן וועלן אונטערשטיצן מיט אַלעם מעגלעכן די הייליקע איניציאַטיוו פון די אָרגאַניזאַציעס און פּערזאָנען וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַראייביקן די תקופה פון אומקום און גבורה.

שלום ג.

# געשיכטלעכע לעקציעס:
## צום געדענקען?
## צום פאַרגעסן?

מיט 20 יאָר צוריק — אין אָקטאָבער 1962 — האָט די וועלט דורכגעמאַכט אַ פּאָליטיש־מיליטערישן קריזיס — און ווי אַ קראַנקער מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור, וואָס וואַרט אויפן אויסגאַנג פון קריזיס — האָט די וועלט געוואַרט: אָדער — אָדער...

דער פאַרמעסט צווישן צוויי שטאַרקע כאַראַקטערן: קענעדי און כרושטשאָוו — רעפּרעזענטאַנטן פון וועלטמאַכטן, האָבן געלייגט דעם גורל פון דער וועלט אויפן וואָג־שאָל. עס האָט זיך נישט געהאַנדלט אַזוי וויט אין פּערזענלעכע אַמביציעס, ווי אין דער פּאָליטישער נויטווענדיקייט צו האַנדלען. סאָוועט־רוסלאַנד האָט אויסגענוצט די צעריסנקייט צווישן קובאַ און אַמעריקע, און האָט דערוויל געבויט באַזעס פאַר ראַקעטן. ווען די אַמעריקאַנער האָבן זיך געכאַפּט, וואָס דאָ קומט פאָר — האָבן זיי, ווילנדיק נישט ווילנדיק, געמוזט האַנדלען — ווייל די דראָונג איז געלעגן ביי זייער שוועל.

אין דער געשיכטע זענען די דרייצן טעג פאַרצייכנט אונטערן נאָמען פון: „ראַקעטן קריזיס אין קובאַ". אין דעם פאַרמעסט פון דיפּלאָמאַטיע און נערוון — האָבן די אַמעריקאַנער געוווּנען, הגם די סאָוועטן האָבן באַקומען די געהעריקע קאָמפּענסאַציע, דורך גאַראַנטיעס — אַז אַמעריקע וועט נישט אינטערווענירן אין קובאַ.

עס לאָזט זיך גלייבן, אַז קענעדי איז געווען דער קרבן פון דעם דאָזיקן זיג.

עס איז אַצינד נישט וויכטיק, צי אָסוואַלד האָט דעם אַטענטאַט אויסגעפירט לויט אינסטרוקציעס פון מאָסקווע — ווי אַן אַקט פון אָפּרעכענונג פאַר דעם, וואָס די סאָוועטן האָבן געמוזט אָפּמאָנטירן די ראַקעטן אין קובאַ, און זיי אַהיימנעמען — אָדער, דער קענעדי־מאָרד איז געווען אַ רעזולטאַט פון כוחות וואָס האָבן געזוכט אַ מיליטערישן פאַרמעסט מיט סאָוועט־רוסלאַנד, און קענעדי האָט דורך דיפּלאָמאַטישע מאַנעוורן צונישט געמאַכט די דאָזיקע האָפענונג, און באַזייטיקט דעם תריץ.

וואָרשיינלעך ערגעץ־ווו אין די אַרכיוון פון די אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס (עס זענען געווען עטלעכע) וועגן קענעדי־אַטענטאַט זענען דאָ שפּורן וואָס פירן צו באַשטימטע באַווייזן.

★

די וועלט־פּרעסע (און אַז זי דערמאָנט אונדז נישט, נעמען מיר אויך פאַרגעסן), פאַרשוויגט בכלל אַצינד יענע באַרימטע 444 טעג, וואָס האָבן געהאַלטן אין שפּאַנונג די וועלט. ער זענען געווען די טעג (אָנגעהויבן דעם

איינשליסנדיק מיליטער, וועלכעס, אויב מען דאַרף, קעמפט אום שבת און הרגעט מענטשן. ישראל האָט נישט געקענט פאַרווירקלעכן דעם נביאס טרוים און איבערשמידן די שווערדן אויף אַקער־אייזנס. פאַרקערט: זי האָט געמוזט זיך איינשאַפן דאָס מאָדערנסטע געווער; זי האָט אויך נישט געקענט פאַרווירקלעכן דעם חלום פון נביא, לויט וועלכן אַ שעפעלע וועט הויזן מיט אַ וואָלף, נאָר געמוזט ווערן אַליין אַ וואָלף צווישן די אַרומיקע וועלף. אויף אַזאַ אופן האָט מדינת ישראל געמוזט, ווילנדיק צו נישט ווילנדיק, ווערן גלייך מיט אַלע אַנדערע מדינות.

דורך זייערע רעליגיעזע אויטאָריטעטן און קהילות האָבן יידן אין גלות געשאַפן אַ זעלבסט־פאַרוואַלטונג. צווישן די וויכטיקסטע פונקציעס פון די דאָזיקע אינסטאַנצן איז געווען אָפּצוהיטן דעם קולטור־רעליגיעז־טראַדיציאָנעלן המשך פון פאָלק. קיין אייגן מיליטער האָבן יידן נישט געהאַט און נישט געקענט האָבן לעבנדיק אַלס מינדערהייטן אין פרעמדע מלוכות. זייער פּאַציפיזם איז געווען באַקאַנט און יידן האָבן זיך מיט אים געגרויסט.

דער פּראָצעס פון ענדערן דעם כאַראַקטער פון פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן מיטן ערשטן טאָג פון דער מדינהס אַנטשטייאונג. בולט איז עס אָבער געוואָרן ערשט איצט, נאָך דער מלחמה אין לבנון. ערשט איצט, ווען ישראל איז מיליטעריש שטאַרקער ווי ווען נישט איז אין איר 34־יאָריקער עקזיסטענץ, הויבט אָן ביסלעכוויז קלאָר צו ווערן אַז די באַדייטונג פון ישראל אַלס אַ נאַציאָנאַלע היים פון יידן, און בלויז יידן, ווערט פּראָבלעמאַטיש. אַ מאָדערנע יידישע מלוכה, ווייזט זיך אַרויס, קען נישט טראָגן דעם כאַראַקטער וועגן וועלכן דורות אין גלות האָבן געחלומט; אַפילו ציוניסטן, אָנהייבנדיק פון אחד העם אָן, האָבן נישט געקענט פאָראויסזען אַז די מלוכה וועט זיך געשטאַלטיקן אין דער איצטיקער פאָרם.

יידן אין די תפוצות האָבן זייערע ספעציפישע פּראָבלעמען, וועלכע זענען אויך געוואָרן בולטער איצט, נאָך לבנון. איינער פון זיי איז: ווי אַזוי אַמבעסטן אָנצוהאַלטן זייער טאָפּלטע לאָיאַליטעט — צו ישראל און צו די לענדער, וווּ זיי וווינען. אויף אַן אַנדער פּראָבלעם, וועלכער וועט זיך אפשר אויסווירקן אויף אונדזער קיום לוינט זיך צו פאַרטראַכטן: וואָס איז בעסער — צו זיין אויף אַ העכער מאָראַלישער מדרגה און צאָלן דערפאַר דעם פּרייז וועלכן מיר האָבן געצאָלט אין אונדזער לאַנגער געשיכטע, אָדער זיין גלייך מיט אַנדערע און דערפאַר ריזיקירן מיט פאַרלירן אונדזער אייגנאַרטיקן כאַראַקטער? דעצידירן וועגן דעם קענען מיר, פאַרשטייט זיך, נישט. מיר זענען אָפּהענגיק פון באַדינגונגען אין וועלכע מיר לעבן און זיי דעצידירן פאַר אונדז, אָבער מיר מוזן לכל הפחות טראַכטן וועגן דעם, ווייל וואָס בעסער מיר וועלן קענען אינפאָרמירן אונדזער האַרץ, אונדזערע עמאָציעס, אַלץ בעסער וועלן מיר קענען האַנדלען, אַלץ וויניקער פעלערן באַגיין, און אַלץ אַ גרעסערן שאַנס האָבן איינצוהאַלטן עפּעס פון אונדזער קולטור־ירושה.

וו. יאַבלאָנסקי

# חורבן־מוזעאום

דער ציל פון די יידישע חורבן מוזעאומס אין דער וועלט איז אַרויסצוברענגען אין דער עפנטלעכקייט עקספּאָנאַטן בילדער און דאָקומענטן פון דער טראַגישער געשיכטע פון יידן אין דער נאַצי־תקופה. די אויפגאַבע פון די אַרכיוון איז איבערגעגעבן די קומענדיקע דורות א ירושה וואָס דאָקומענטירט דעם גייסטיקן און פיזישן ווידערשטאַנד פון יידן אין אייראָפּע. די פּלענער פון נאַציזם זענען געווען: פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק און אָפּמעקן דעם זכר פון יידן און יידישע קולטור פון דער ערדפלאַך. אין די יידישע מוזעאומס געווידמעט דער חורבן זענען פאַראַן דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועלכע באַווייזן אויך דאָס גייסטיקע שאַפן פון יידן אין די געטאָס און לאַגערן.

אין יאָר 1939 ווען די נאַציס האָבן אָקופּירט פּוילן האָט אַ יידישער קאָמיטעט אין וואַרשע אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום געגרינדעט אַ געזעלשאַפט אונטערן נאָמען עונג־שבת, וועמענס ציל איז געווען צו זאַמלען דאָקומענטן, מאַטעריאַלן, שאַפּוקען פון יידישע שרייבער און פּאָעטן. אונטערערדישע אויסגאַבן, מאַטעריאַלן וועגן אונטערערדישן שול וועזן, טעאַטער פאָרשטעלונגען, קאָנצערטן, מיט איין וואָרט — וועגן דעם אַלעם וואָס קומט פאָר אין די געטאָס פון פּוילן.

לײדער איז אַ גרויסער טייל פון דער דאָקומענטאַציע פאַרלוירן געגאַנגען. אָבער דאָס וואָס עס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט גיט אַ בילד וועלכעס איז גענוגנדיק צו באַנעמען דעם יידישן גערענגל אין די געטאָס און לאַגערן. דער ביישפּיל פון „עונג־שבת״ אין וואַרשע איז איבערגענומען געוואָרן אין אַנדערע געטאָס פון פּוילן, ווי לאָדזש, ביאַליסטאָק, ווילנע, ראַדאָם און אַנדערע. די אַלע אָרגאַניזאַציעס, און אַפילו פּריוואַטע פּערזאָנען האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו באַווייזן דער וועלט די פאַרברעכנס פון די נאַציס און זייערע פאַרבינדעטע.

דער היסטאָרישער מאַטעריאַל, וועלכער איז געוואָרן אָפּגעראַטעוועטע געפינט זיך היינט צו טאָג אין עטלעכע מוזעאומס: ווי יד ושם, יד מרדכי, בית לוחמי־הגיטאות, ייוואָ, ניו יאָרק, היסטאָרישער אינסטיטוט אין וואַרשע און דער קולטור־צענטער אין מעקסיקע ווי אויך ביי אַ גרויסע צאָל פּריוואַטע פּערזאָנען, אַריינגערעכנט די שארית הפליטה פון מעלבורן.

אַ גאָר וויכטיק אָרט פאַרנעמען די מאַטעריאַלן וועגן עקאָנאָמישן מצב אין די געטאָס, וועגן אונטערערדישע אויסגאַבן, וועגן דער טעטיקייט פון די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס, לאַגערן און וועלדער, און די טעטיקייט פון יידישע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען אין מזרח־פּוילן.

זייער וויכטיק זענען די דייטשע דאָקומענטן, צוגעשטעלטע צו די יודן־ראַטן: וועגן אַרבעט־קאָנטריבו־

האָבן באַזיגט שטאַרקע שונאים. דאָרט, אין די מעשיות פון תנ״ך, האָט ער געקענט צוריק געווינען זיין באַרויבטן כבוד און לעבן מיט דער אַמאָליקער גלאָריע.

אַ מענטש, אויב ער וויל נישט וועגעטירן, קען נישט לעבן בלויז מיט דער פאַרגאַנגענהייט. ער מוז האָבן אַ צוקונפט צו וועלכער ער קען שטרעבן. די דאָזיקע לעבנס־נויטיקע האָפענונג האָט דער ייד אויך געשעפּט פון דער תורה. אמת, עס איז נישט געווען קיין שום פּראַקטישער ציל וועלכער האָט געקענט פאַרווירקלעכט ווערן אין קורצן אָדער אַפילו אין דער פאַרויסזעבאַרער צוקונפט. דער ציל — דאָס אומקערן זיך אין געשיכטלעכן פאָטערלאַנד — איז געלעגן וויט, וויט, כמעט אין אומענדלעכקייט — אָבער ער האָט עקזיסטירט. דערוויל האָט דער טרוים זיך אויסגעדריקט אין אַ טיפער בענקשאַפט און געשפּייזט די נשמה פון פאָלק.

אין דער רעליגיעזער טראַדיציע איז די דאָזיקע בענקשאַפט געקומען צום אויסדרוק אין דער משיחישער אידיי, ביי וועלטלעכערע שיכטן איז עס געווען אַ נאָסטאַלגיע, און אין דער מאָדערנער צייט אין מזרח־אייראָפּע האָט זי זיך פאַרוואַנדלט אין אַ נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישן טרוים.

אַן איבערברוך אין אָט דעם לאַנג־דויערנדיקן צושטאַנד פון יידן איז געקומען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. א דאַנק דער קאָמבינירונג פון עטלעכע פאַקטאָרן — דעם פּאָליטישן (דער עיקר, דעם פּאָליטישן) און דעם הומאַניטאָרן ביי די גרויסמאַכטן און דער אָפּפּערוויליקייט פון יידישע קעמפער איז דער צוויי־טויזנט יאָריקער טרוים ענדלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן: עס איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישע מדינה.

אַרום דער יונגער, נאָך שוואַכער מלוכה האָט געבושעוועט די שנאה פון דער אַראַבישער וועלט און באַדראָט טאָג־טעגלעך איר עקזיסטענץ. די לענדער פון דער מערב־וועלט (פון אָנהויב אויך סאָוויעט־רוסלאַנד) זענען געווען סימפּאַטיש צו דעם יידישן לאַנד און עס געשטיצט מאָראַליש און מאַטעריעל. ביי די יידן וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין ישראל האָט געהערשט אַ פּיאָנעריש־אידעאַליסטישע שטימונג.

מיט דעם אַריינמאַרש פון דער ישראל־אַרמיי קיין לבנון האָט זיך דאָס בילד ראַדיקאַל געענדערט. די יידישע מדינה האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אין אַ נייליכט. דאָס קליינע, כסדר באַדראָטע לאַנד איז מיטאַמאָל אַרויסגעקומען אויף דער וועלט־אַרענע ווי אַ לאַנד וואָס פאַרמאָגט איינע פון די פּראָפּאָרציאָנעל שטאַרקסטע אַרמייען אין דער וועלט; פון פאַרפאָלגטע זענען יידן פּלוצלונג געוואָרן די פאַרפאָלגער (אויב אַפילו זייענדיק די גערעכטע). די דאָזיקע ניי־געשאַפענע סיטואַציע האָט באַפרייט די קריסטלעכע וועלט פון איר קאָלעקטיוון שולד־געפיל, וועלכן זי האָט געפילט פאַר די פאַרפאָלגונגען וואָס די קריסטלעכע קירכעס פון אַלע שאַטירונגען האָבן אין משך פון יאָרהונדערטער פּראַקטיצירט קעגן יידן און פאַר דעם לעצטן חורבן, וואָס אַ קולטורעל, מערבדיק און קריסטלעך פאָלק האָט דורכגעפירט איבער זעקס מיליאָן יידן.

אויטאָריטאַטיווע צייטונגען אין מערב זענען אָפן אַרויסגעקומען מיט קריטיק קעגן מדינת ישראל, אָן דער געפאַר פון באַשולדיקט צו ווערן אין אַנטיסעמיטיזם, אין ישראל גופא זענען פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס פון יידן קעגן דער מלחמה אין לבנון.

אין די תפוצות ישראל (אין די מערב־לענדער) האָבן יידן זיך דערפילט, אויב נישט מיטשולדיק און מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס איז פאָרגעקומען אין ביירוט, איז לכל הפחות אומבאַקוועם לגבי זייערע נישט־יידישע שכנים. דערוויל באַגרענעצט זיך די יידישע, ווי אויך די נישט־יידישע קריטיק צו טאַדלען די פּאָליטיק פון דער בעגין־שאַראָן רעגירונג. איז עס נאָר אַ פראַגע פון צוויי־דריי מענטשן אָדער אַפילו פון אַ פּאַרטיי, וועלכע געפינט זיך איצט ביים רודער פון דער מלוכה? אפשר איז עס אַפילו נישט קיין צופאַל, וואָס נאָך לאַנגע יאָרן פון אַן אַרבעטער־רעגירונג איז געקומען צו דער מאַכט אין ישראל אַן עקסטרעם־רעכטע רעגירונג? אַ פאָלק אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד (און ישראל איז עס אָן שום צווייפל) מיט פרייע וואַלן מוז טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער רעגירונג, וועלכע עס ווילט אויס. אַ רעגירונג און איר פּאָליטיק זענען נישט מער ווי אַן אויסערלעכער אויסדרוק פון די פאַרהעלטענישן און פּראָבלעמען וועלכע הערשן אין אַ געגעבענער געזעלשאַפט.

אין וואָס באַשטייט דער עיקר־פּראָבלעם פון די יידישע איינוווינער אין ישראל? די אַקטועלע, ברענענדיקע פּראָבלעמען זענען, פאַרשטייט זיך, געבונדן מיטן היינט, מיט דער זיכערקייט פון דער מדינה. דאָס וועט אָבער וואַרשיינלעך מיט דער צייט געליזט ווערן. אָדער דורך געבן אַן אויטאָנאָמיע די פּאַלעסטינער אַראַבער אָדער אויף וועלכן נישט־איז אַנדערן אופן. די אַראַבישע לענדער אַרום וועלן וואַרשיינלעך זיך אָפּזאָגן, ווי עגיפּטן האָט עס שוין געטאָן, פון פאַרניכטן ישראל. ערשט דאַן וועלן אַרויפשווימען אויף דער אויבערפלאַך די טיףליגנדיקע אָבער ביז אַהער נישט־באַהאַנדלטע עיקר־פּראָבלעמען. צווישן אַנדערן וועט מוזן דעצידירט ווערן אויף ווי וויט ישראל וועט נאָכפאָלגן דעם גייסט, אין וועלכן דאָס פאָלק האָט געלעבט אין די צוויי טויזנט יאָר אַלס מינדערהייט צווישן אַנדערע פעלקער; עס וועט מוזן באַשטימט ווערן וויפל אין די גלות געשאַפענע קולטורווערטן קענען און וועלן איינגעהאַלטן ווערן, מיט דער גרינדונג פון א מאָדערנער מלוכה האָבן אירע יידישע איינוווינער געמוזט ענדערן אין א געוויסער מאָס זייער ביז־איצטיקן גלות־כאַראַקטער און ווערן אין א סך היזיכטן גלייך צו די פעלקער פון אַלע אַנדערע מאָדערנע מלוכות. אויב יידן זענען אין זייער לאַנגן גלות־וועג, אונטער כסדרדיקע רדיפות געבליבן עקזיסטירן אַלס אַ פאָלק איז עס דורכאויס אַ דאַנק דאָס פאַרזעצן די קולטורטראַדיציע וואָס האָט איר באַזיס געהאַט אין תנ״ך. מדינת ישראל, אַפילו ביים בעסטן ווילן, קען דאָס נישט באַוויזן. זי מוז האָבן אַ מאָדערנעם מלוכה־אַפּאַראַט,

# צווישן טרוים און ווירקלעכקייט...

י. קאַפּע

לעבנדיק קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר אין צעשפּרייטונג צווישן פעלקער, האָבן יידן געשאַפן קולטור־ווערטן, וועלכע שטייען איצט אין געפאַר פאַרלוירן און פאַרגעסן ווערן. עס זעט אויס ווי איראָניע פון גורל, אַזאַ דאָס זאָל געשען גראָד איצט, ווען יידן האָבן ענדלעך באַקומען זייער נאַציאָנאַלע היים, און זיי געניסן פון פולער גלייכבאַרעכטיקונג אין די לענדער פון דער מערב־וועלט.

דאָס געשעט גראָד איצט כמעט נאָך אַ פּאָר טויזנט יאָריקן שפּאַן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אין משך פון וועלכן יידן האָבן בייגעוווינט דאָס פאַלן פון מצרישער, בבלישער, פּערסישער, גריכישער און רוימישער ציוויליזאַציעס.

צוזאַמען מיט דער שאַפונג פון דער יידישער מלוכה אויף דער אַלטער, טראַדיציאָנעלער תנכישער טעריטאָריע און דער פולער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן אין די מערב־לענדער זענען אַנטשטאַנען צוויי נייע פּראָבלעמען פאַרן יידישן פאָלק. די דאָזיקע פּראָבלעמען זענען אַ באַשטאַנד־טייל פון די צוויי דערמאָנטע פּאָזיטיווע דערשיינונגען אין יידישן לעבן.

דאָס פּראָבלעם פון די יידן אין די תפוצות ביים היינטיקן טאָג איז ווי אַזוי פאַרצוזעצן דעם יידישן קולטור־המשך, נאָכדעם ווי מיטן פאַרשווינדן פון דער פיזישער געפאַר איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער פאָלקס־באַוווסטזיין. אין מדינת ישראל איז דער פּראָבלעם ווי אַזוי, בויענדיק אַ מאָדערנע מלוכה, איינצוהאַלטן און פאָרזעצן די קולטור־ירושה פון גלות.

★

מיט אַן ערך דריי און אַ האַלבן טויזנט יאָר צוריק זענען די ישראלים, פון וועלכע מיר שטאַמען אָפּ, אַרויס פון מצרים פון די פּרעהס. נאָך אַ לאַנגער וואַנדערונג אין מדבר האָבן זיי זיך באַזעצט אין דעם לאַנד פון די כנענים אין דעם א״ג „פרוכטבאַרן פּערטל" פון אַמאָליקן מיטעלן מזרח. דאָ איז אַנטשטאַנען די ערשטע יידישע נאַציאָנאַלע היים. דאָס לאַנד איז אָבער געלעגן אויף אַ קרייץ־וועג, וווּ עס האָבן זיך צונויפגעטראָפן די אינטערעסן פון די דעמאָלטדיקע גרויסמאַכטן: מצרים פון מערב, אין צפון־אַפריקע, און אשור און בבל פון מזרח אין פאָדער־אַזיע. דאָס איז געווען די סיבה צוליב וועלכער די קליינע יידישע מלוכה האָט קיינמאָל נישט געקענט איינהאַלטן איר אומאָפּהענגיקייט אויף אַ לענגערן פּעריאָד. זי איז געווען אונטער דער השפעה פון בבל, שפּעטער פון פּערסיע, גריכנלאַנד און צום סוף פון די רוימער.

נאָכדעם ווי בבל האָט אין אָנהייב פון זעקסטן יאָרהונדערט (פאַר אונדזער צייט־רעכענונג) באַזיגט ישראל האָט זי אַ טייל פון דער באַפעלקערונג פאַרשיקט צו זיך אין לאַנד אַריין. יידן האָבן אין בבל אָפּגעלעבט אַן ערך 150 יאָר. זיי האָבן אָבער נישט פאַרגעסן זייער היימלאַנד און אַ טייל האָט זיך סוף־כל־סוף אומגעקערט צוריק. נאָכדעם ווי יהודה איז באַזיגט געוואָרן דורך רוים מיט עטלעכע הונדערט יאָר שפּעטער, זענען די יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד און זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער דער גרויסער רוימישער אימפּעריע. רוים איז עווענטועל געפאַלן, אָבער די יידן זענען געבליבן לעבן אין משך פון די ווייטערדיקע צוויי טויזנט יאָר אין דיאַספּאָראַ, אָדער גלות, ווי זיי אַליין האָבן זייער לאַגע באַטראַכט.

אין אַלע פאַלן: אין בבלישן גלות, אין דער דיאַספּאָראַ פון דער רוימישער אימפּעריע, שפּעטער אין שפּאַניע, און נאָך שפּעטער אין די ניי־קאָנסאָלידירטע מלוכות פון מערב־ און מזרח־אייראָפּע, האָבן זיך יידן אין דער איבערוויגנדיקער מערהייט נ י ש ט אויסגעמישט מיט די אָרטיקע געצנדינערישע, מוזולמענער אָדער קריסטלעכע איינוווינער. עס האָט זיי אויפגעהאַלטן זייער בענקשאַפט צו דעם פאַרלוירענעם פאָטערלאַנד. זיי האָבן איינגעהאַלטן אַן אייגנאַרטיקע קולטור וואָס האָט געשעפּט איר יניקה פון תנ״ך און דער טראַדיציע וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום דעם תנ״ך.

אויפן אָרט פון דער רוימישער אימפּעריע איז געקומען די קריסטלעכע קירך. מיט דער צייט האָבן די געצנדינערישע פעלקער פון אייראָפּע אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, און די יידן איז אויסגעקומען צו לעבן אַלס מינדערהייט אין דורכאויס קריסטלעכע לענדער. די קירכע האָט נישט געקענט פאַרגעסן, אַז קריסטוס און די רעליגיע וועלכע זי פּרידיקט איז אַרויסגעקומען פון דעם תנ״ך־פאָלק און זי האָט עס די יידן קיינמאָל נישט מוחל געווען. דורך העצן און רדיפות האָט זי אָנגעהאַלטן דעם אַנטאַגאָניזם צווישן די קריסטלעכע באַפעלקערונגען און די יידישע מינדערהייטן.

אַזאַ מין לאַגע האָט אָנגעהאַלטן אין מערב־אייראָפּע ביז דער עמאַנציפּאַציע, און אין מזרח־אייראָפּע ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס לעבן אין באַדינגונגען פון כסדרדיקע פאַרפאָלגונגען אין משך פון פיל דורות האָט זיך אויסגעווירקט ביי יידן אויף דער אַנטוויקלונג פון אַ ספּעציפישער פאָלקס־פּסיכיק. דאָס איז געווען די כאַראַקטעריסטישע פּסיכיק פון דעם פאַרפאָלגטן, וועלכער שטעלט דעם קרבן אויף אַ העכערער מאָראַלישער מדרגה פון דעם פאַרפאָלגער. דער גורל פון דעם אונטערגעדריקטן איז אַ טרויעריקער, דעריבער מוז ער האָבן אַ געביט ווו דער פאַרפאָלגער קען אים נישט דערגרייכן; אַ געביט אין וועלכן זיין מענטשלעכע נשמה קען לעבן אַ פריי, נישט־באַגרענעצט לעבן. ביי יידן האָט די דאָזיקע טעריטאָריע פאַרנומען דער תנ״ך. אין דעם וווּנדערבאַרן געשיכטלעכן מיטאָס האָט דער אָפּט־פאַראַכטער, טאָג־טעגלעך באַליידיקט געוואָרענער ייד, געפונען אַ טרייסט פאַר זיין ביטערער ווירקלעכקייט. ער האָט נישט געדאַרפט געדענקען וועגן זיין איצטיקער שוואַכקייט, לעבנדיק מיט די אַמאָליקע העלדן, וועלכע

מעג קלינגען אויסטערליש און פּאַראַדאָקסאַל: די אַראַבער האָבן זיך דערשראָקן... נאָך דעם פּאָגראָם ביי דער סינאַגאָגע אין רוים, האָבן זיי צוגעשיקט קאָנדאָלענצן און אויסגעדריקט באַדויערן קעגן די גוואַלט־טאַטן. אפילו אַזאַ ראַדיקאַלער טעראָריסט, ווי דזשאָרדזש כאַבאַש האָט זיך לעצטנס אויסגעדריקט, אַז זיינע טעראָר־אַקציעס וועלן זיך באַגרענעצן נאָר צו דער ישראל־טעריטאָריע און נישט קעגן יידן אין די תפוצות (די אבו נידאַל גרופּע איז דערווייל אַן אויסנאַם).

די סיבות פון אַזאַ ווענדונג זענען לאָגיש. די אַראַבער האָבן מורא, אַז דער יידישער דור, וואָס איז אויפגעוואַקסן אין דער מערב־וועלט אין אַן אַטמאָספער פון אַן אַבסאָלוטער גלייכבאַרעכטיקונג, פרייהייט און שטאָלץ וועט נישט טאָלערירן אַ צושטאַנד פון אָפענעם, ברוטאַלן אַנטיסעמיטיזם און דאָס לעבן אין פחד. אַזאַ סיטואַציע קאָן גורם זיין אַ מאַסן־עליה, אַ יציאת מערב־וועלט.

דאָס הייסט נישט אַז דער אַנטיסעמיטיזם און טעראָראַקטן קעגן יידן אין די תפוצות וועלן זיך אָפּשטעלן. די פּ.ל.אָ. האָט געשאַפן דעם גולם פון טעראָר. היינט ווערט דער אַנטיסעמיטיש־טעראָריסטישער גולם מאַניפּולירט פון פאַרשידענע צענטערן.

דאָס טרויעריקסטע אין דעם פינצטערן קאַפּיטל, איז דער יידישער אָנטייל אין די ברייט פאַרצווייגטע געפערלעכע אַנטיסעמיטישע אַקציעס.

צי קאָן אַ ייד זיין אַן אַנטיסעמיט?

נאָרמאַן פּאָדהאָרעץ, איינער פון די הויפּט־זיילן פון אַמעריקאַנער פּובליציסטיק (אַ ייד, אָבער ווייט נישט קיין אָנהענגער פון ליכוד) האָט דערקלערט, אַז ווען איינער פריידיקט אַ דאָפּלטן שטאַנדפּונקט פאַר מדינת ישראל אין דעם זין, אַז אַ יעדעס לאַנד איז באַרעכטיקט צו גיין אין אַ מלחמה, ווען די זיכערקייטס־אינטערעסן פון דעם דאָזיקן לאַנד זענען באַדראָט, אָבער מדינת ישראל איז באַרעכטיקט צו גיין אין אַ מלחמה נאָר ווען די לעבנסעקזיסטענץ פון דער מדינה איז באַדראָט — ווער עס באַנוצט זיך מיט אַזאַ אַרגומענט, מעג ער זיין אַ ייד, איז אַן אַנטיסעמיט און פריידיקט אַנטיסעמיטיזם".

ווער זענען די יידישע אַנטיסעמיטן?

פון איין זייט איז פּראָפ. נאָעם כאָמסקי (טשאָמסקי) אין אמעריקע, דער אינטעלעקטואַלער ריז פון די „ניי־לינקע" (אין אמעריקע) און זיין חברותא. זייער מאָטיוו איז באַוווּסט: די צעשטערונג פון די דעמאָקראַטישע רעזשימען אין דער מערב־וועלט. זייער רעצעפּט איז אַזאַ: צוערשט מוז צעשטערט ווערן מדינת ישראל. אָן דעם מיליטערישן כוח פון ישראל, וואָס איז אַ סוראָגאַט פון אַמעריקע, וועט דער מיטל־מזרח מיט אירע אויל־קוואַלן פאַרכאַפּט ווערן אין די פלאַמען פון רעוואָלוציעס. דער כאַאָס צוליב דעם מאַנגל פון ענערגיע מיטלען, וועט צוזאַמענברעכן דער מערב־וועלט. אַ ברייט־פאַרצווייגטע אַנטיסעמיטישע היסטעריע וועט אָנצינדן די מאַסן קעגן מדינת ישראל.

אַזוי רייטן זיי אויפן „יידישן פערד", גרייט צו פאַרקויפן טאַטע, מאַמע און דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. ווייל ווי קאָן מען אַנדערש אויסטייטשן דעם פאַקט, אַז פּראָפ. כאָמסקי האָט אָנגעשריבן אַ הקדמה צו אַ פראַנצויזיש בוך, וואָס פאַרלייקנט שטיין און ביין די שואה, דעם חורבן פון אייראָפּעיִשן יידנטום? אַ פראַנצויזיש געריכט האָט, אגב, פאַראורטיילט דעם מחבר פון דעם בוך אויף דריי חדשים תפיסה פאַר פאַרשפּרייטן ראַסיסטישער שנאה...

צו אַ גאַנץ אַנדערע קאַטעגאָריע געהערן די „פאַרשטייער" פון ענגלישן יידנטום, די ראַביים יאַקובאָוויטש, דוד גאָלדבערג און געוויסע מיטגלידער פון באָאַרד אָף דעפּיוטיס. דאָס זענען די זעלבע טיפּן, וואָס האָבן געטאַנצט מה יפית פאַר בעווינען. אַ יעדער פון זיי וויל זיך באַווייזן פאַר די גויים, וואָס פאַר אַ „שיינער ייד" ער איז. (פאַראַן אַזעלכע „שיינע יידן" אויך אין אַנדערע לענדער). אַ באַזונדערן פלאַץ האָט זיך דערוואָרבן „דהי דזשואיש קראָניקל" אין לאָנדאָן. אַ לייטאַרטיקל פון 24־טן סעפּטעמבער 1982 לאָזט נישט איבער קיין צווייפל, אַז די צה"ל איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שחיטה אין די לאַגערן פון לבנון. דער הויפּט־קאָלומניסט ח. בערמאַנט רופט דאָס ענגלישע יידנטום צו באַיקאָטירן דעם כל נדרי־אָפּיל, אָדער דער כל נדרי־אָפּיל זאָל גיין פאַר די פּאַלעסטינער... דער ישראל פרעמיער־מיניסטער ווערט באַצייכנט אַלס אַ „פּעסטינענטל ליטל קריטשער" (אַ שעדלעך אָנשטעקנדיק באַשעפענישל).

די קלוגע אַנטיסעמיטישע פּרעסע ווי אויך ראַדיאָ און טעלעוויזיע האָבן ברייט ציטירט דעם לייטאַרטיקל אָבער ניט געוואָגט צו איבערחזרן אַזאַ וווּלגאַרן אַנטיסעמיטישן אויסדרוק.

★

נאָרמאַן פּאָדהאָרעץ, דער טיפער פּאָליטיש־סאָציאַלער דענקער האָט דערשפּירט, אַז די שוואַרצע וואָלקנס, וואָס ציען זיך צוזאַמען איבערן יידישן האָריזאָנט, דראָען צו ברענגען אַ שטורעם מיט קאָנסעקווענצן וועלכע זענען שווער פאָרויסצוזען. דערפאַר איז ער אַרויס מיט דעם אַרטיקל „זשאַקיז". דאָס באַרגן זיך דעם קעפּל „זשאַקיז" פון עמיל זאָלאַ (אין דער דרייפוס־אַפערע) שטרייכט אונטער די גרויזאַמע ערנסטקייט.

„עס וואָלט אָבער געלוינט צו באַווייזן יעדן איינעם פון זיי (די אַריער), אַז דער גורל פון די יידן איז זיין גורל. קיין איין פראַנצויז וועט נישט זיין זיכער כל־זמן איין ייד אין פראַנקרייך און אין דער גאַנצער וועלט קען מורא האָבן פאַר זיין לעבן".

זשאַן פּאָל סאַרטער, פון זיין בוך:
„באַטראַכטונגען וועגן דעם יידישן פּראָבלעם".

די עלעמענטאַרע מענטשן־רעכט און אַריינגעשטופּט די יידן אין דעם פינצטערן מיטלאַלטער.

דער היסטאָריקער און אַנגליקאַנער טעאָלאָג רעוו. דזשיימס פּאַרקס (אין זיין בוך „אַנטיסעמיטיזם") דריקט אויס כבוד און רעספּעקט פאַר דער נאַטור און כאַראַקטער פון די פּרימיטיווע אייראָפּעישע פעלקער, ווען ער שטרייכט אונטער, אַז „עס האָט גענומען דער קירכע זיבן הונדערט יאָר, ביז עס איז איר געלונגען צו פאַרסמען די מוחות פון די דאָזיקע פעלקער אין דער צוגרייטונג צו די ערשטע מאַסן שחיטות פון די יידן".

די אייראָפּעישע אויפקלערונג (השכלה) אין 18־טן יאָרהונדערט האָט אָפּגעשוואַכט דעם כוח פון דער קירכע (דאָס אָפּטיילן די קירכע פון דער מלוכה). און די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט איינגעפירט די עמאַנציפּאַציע פון די יידן. געווען אַ רעאַקציע נאָך דער מפּלה פון די פראַנצויזן. דער פּראָצעס פון עמאַנציפּאַציע איז געגאַנגען אַ הין און אַ הער. אָבער טראָץ דער מפּלה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָבן די לאָזונגען פון דער רעוואָלוציע באַאיינפלוסט דעם 19־טן יאָרהונדערט.

היטלערס נאַציזם האָט אין דער מלחמה קעגן די יידן אָנגעווענדט אַ נייעם אַספּעקט — ראַסיזם. אָבער היטלערס ראַסן־שנאה קעגן יידן האָט זיך געקאָנט שפּייזן און אַנטוויקלען אויפן קערפּער פון די אייראָפּעישע פעלקער נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס אין זייער באַוווסטזיין און אונטערבאַוווסטזיין האָט געשטעקט דער אַנטיסעמיטישער סם, וואָס די קירכע האָט איינגעפלאַנצט און אַנטוויקלט במשך פון זעכצן הונדערט יאָר

ווען די גרויזאַמקייט פון די גאַז־אויוונס איז אַנטפּלעקט געוואָרן — נישט נאָר 6 מיליאָן יידן, נאָר אויך מיליאָנען מענטשן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן — איז צו די ברייטע מאַסן דערגאַנגען דאָס באַוווסטזיין, צו וואָס רעליגיעזע און ראַסן שנאה קאָן דערפירן.

פאַר די יידן אין דער מערב־וועלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה. אַ גאָלדענע תקופה, וואָס אין איר פאַרנעם אין אַלע הינזיכטן: מאַטעריעל, גייסטיק, סאָציאַל און פּאָליטיש איז נישט געווען קיין גלייכן אין דער יידישער געשיכטע, זינט דעם חורבן בית שני.

גלייכצייטיק האָט דער ישוב אין פּאַלעסטינע פאַרטריבן די ענגלישע קאָלאָניאַלע הערשאַפט און אין דער באַפרייאונגס־מלחמה בלוטיק אויסגעקעמפט אַ יידישע זעלבשטענדיקע מדינה (קעגן ווילן פון דער מערב־וועלט), און די יידישע מדינה איז געוואָרן דער גייסטיקער צענטער פאַר די יידן אין די תפוצות.

דאָ מוז מען אָבער באַטאָנען, אַז די וועלט־מלחמה, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ טאָטאַלער צעשמעטערונג פון נאַצי־דייטשלאַנד, האָט נישט אויסגעוואָרצלט די אַנטי־יידישע שנאה, דעם אַנטיסעמיטיזם.

צו דעם „טראַדיציאָנעלן" קריסטלעכן אַנטיסעמיטיזם מיט די רעשטלעך פון די פראָ נאַצי־ראַסיסטן, איז צוגעשטאַנען אַ נייער עלעמענט — די אַזוי גערופענע „לינקע" פון פאַרשידענע שאַטירונגען, פאַרשלייערנדיק זייער אַנטיסעמיטיזם מיט אַנטי־ציוניזם, האָבן זיי געכשרט דעם אַנטיסעמיטיזם אין די אויגן פון פאַרגעשריטענעם מענטשן. דער ציל פון די „לינקע" איז באַוווסט:

זיי שטרעבן צו צעשטערן דעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן סיסטעם אין דער מערב־וועלט און זענען איבערצייגעט, אַז די יידן שטעלן מיט זיך פאַר דעם „סאָפט בעלי" (שוואַכן פונקט) פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, פּונקט ווי די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט די מאַסן „אויפן יידישן פערד" כבדי אונטערצוגראָבן און צעשטערן די אייראָפּעישע לענדער, אַזוי גלויבן די „לינקע", אַז עס וועט זיי געלינגען צו צעשטערן דעם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן סיסטעם אין דער מערב־וועלט אויף דעם זעלבן „יידישן פערד". זייערע זשורנאַליסטן און רעפּאָרטערן האָבן אינפילטרירט און כמעט פאַרכאַפּט די געדרוקטע און עלעקטראָנישע מעדיאַ. פון די דאָזיקע באַזעס שפּייען זיי גיפטיקע שנאה אויף די יידן.

אין דעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן וואָלטן ביי אַזאַ פאַרסמטער, היסטערישער אַטמאָספער אויסגעבראָכן פּאָגראָמען. היות די מאַסן אין די מערב־לענדער זענען נאָך נישט גרייט צו פּאָגראָמען, ווערן די פיזישע אַטאַקעס קעגן יידן אויסגעפירט דורך די מיליטאַנטישע אָפּטיילונגען („שטאָטישע טעראָריסטן") פון דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, וואָס נעמט אַרום פאַרשידענע גרופּן: אַראַבער, טראָצקיסטן, אַגענטן פון סאָוויעטישן בלאָק, נעאָ־נאַציס און סתם אַנטיסעמיטישע נאָכשלעפּערס. זיי אַלע ווילן דערגרייכן זייער אייגענעם ענדציל אויפן „יידישן פערד".

אין סך־הכל: אויב מען זאָל צוזאַמענרעכענען די צאָל יידישע קרבנות אין די לעצטע צייטן, די דערהרגעטע קינדער אין קינדערגאָרטנס, די באָמבעס און מאַשין־געווער אַטאַקעס אויף די סינאַגאָגעס אין בריסל, פּאַריז, ווין און רוים, אויף די יידישע רעסטאָראַנען אין בערלין און פּאַריז, מוז מען פעסטשטעלן, אַז די נייצייטיקע „לינקע" פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אויסגעהרגעט מער יידן, ווי די פינצטערע „רעכטע" פּאָגראָמשטשיקעס פון 1919 ביז 1939 (איינשליסלעך פּשיטיק).

דאָס וואָס איז פאָרגעקומען פאַר דער סינאַגאָגע אין רוים, איז געווען אַ פּאָגראָם. אַזאַ סיטואַציע זאָגט אָן, אַז עס רוקן זיך שווערע וואָלקנס אויף דעם האָריזאָנט פון דער גאָלדענער תקופה.

★

לויט מיין מיינונג האָבן די אַראַבער דערזען די וואָלקנס איבער דעם יידישן האָריזאָנט אין די תפוצות און עס

שטיצט די איניציאַטיוו פון „קדימה"

# צו בויען
# אַ חורבן־מוזעאום!

„היות אויסטראַליע האָט נישט קיין ראַסן־פּראָבלעם, איז זי נישט וויליק צו אימפּאָרטירן אַזאַ פּראָבלעם"... (זע מאַרטין גילבערט „עקזייל ענד ריטערן", זייט 203).

מרדכי געבירטיג איז נישט געווען דער ערשטער דיכטער, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם פאָלקס־ווייטיק אונטער דעם איינפלוס פון אַ פּאָגראָם. פאַר אים איז געווען ח. נ. ביאַליק. אָבער בעת אין דער „עיר הריגה" (נאָכן קישעניעווער פּאָגראָם) איז דער טענאָר פון דער דיכטונג געווען אַ שטורעמדיקער רוף צו רעוואָלט, איז דער טענאָר פון „אונדזער שטעטל ברענט" געווען אַ וויי־געשריי נאָך אַ תקופה, וואָס דער פאָלקס־דיכטער האָט געזען, אַז זי גייט אונטער, — זיין יידישע וועלט גייט אונטער. פאַר ח. נ. ביאַליק איז געווען ר' נתן האַנאָווער דער מקובל און כראָניקער. אין זיין ספר „יון מצולה" („אין דער טיפער בלאָטע), גבית עדות פון שנת ת"ח, האָט ער מרה שחורה'דיק פאַרנאָטירט, אַז די גרויזאַמקייט פון די שאַנדמעשים, וואָס די פּאָגראָמטשיקעס זענען באַגאַנגען טאָר מען נישט ברענגען איבערן מויל, ווייל דאָס וואָלט געשענדעט דעם נאָמען מענטש...

און פאַר די כמיעלניצקי פּאָגראָמען איז געווען דער גירוש שפּאַניע, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט פון איינע פון די שענסטע תקופות אין דער יידישער געשיכטע. די גאָלדענע עפּאָכע פון די יידן אין שפּאַניע, וואָס האָט געבליט און אָנגעהאַלטן 500 יאָר.

אין דעם גייסט פון דער היסטאָרישער קאָנצעפּציע פון יאָסט, צונץ און גרעץ "די לידענס אונדז גייסטעס געשיכטע" קענען מיר פאַרעגיסטרירן אַ תקופה נאָך אַ תקופה אין וועלכער דאָס יידישע לעבן האָט זיך אַנטוויקלט, געבליט און פאַרשניטן געוואָרן.

דער געשיכטע פאָרשער טאָר זיך נישט באַגרענעצן בלויז צו רעקאָרדירן דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע לויטן נוסח פון „לידענס אונד גייסטעס געשיכטע" („יידישע מיסיע צו באַגליקן די וועלט גייסטיק אויפן חשבון פון אייגענע לידן); אָדער לויט דובנאָוון — אויפקלערן דעם קיום און המשך אַ דאַנק די ספּעציפישע אויטאָנאָמישע קערפּערשאַפטן, די באַוועגלעכקייט פון די יידן אין די העגאָמאָנישע צענטערס, וואָס האָבן געוועלטיקט איבער די פאַרשפּרייטע און צעזייטע יידן.

פאַרשטייט זיך, אַז עס איז גאָר וויכטיק אויפצוקלערן די סודות וואָס האָבן דערמעגלעכט דעם קיום און המשך אין אַזאַ פיינטלעכער וועלט, אָבער מיר מוזן אויך קלאָר מאַכן אויף אַ ראַציאָנעלן אופן די סיבות, וואָס האָבן געשאַפן די פאַרסמטע אַמאָספער און פיינטשאַפט, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין אַ בלוטיקע קייט פון רויב און מאָרד.

פאַקטיש ווייסט אַ יעדער ייד, אַז זי דאָזיקע סיבות ליגן אין אַנטיסעמיטיזם. אָבער דאָ הייבן זיך אָן די חלוקי דעות: ווער איז שולדיק אין דער אַנטוויקלונג פון אַנטיסעמיטיזם?

די גוים, און אויך געוויסע יידן פון פאַרשידענע שאַטירונגען האַלטן, אַז די יידן אַליין טראָגן אין זיך די באַקטעריעס פון אַנטיסעמיטיזם. אַ טייל באַהויפּטן, אַז די רייכע יידן, וואָס וווינען אין די לוקסוס־הייזער אין די שיינע שטאָט־קוואַרטאַלן, שאַפן קנאה און דאָס איז די סיבה פון אַנטיסעמיטיזם. (פאַראַן יידן, וואָס שטיצן דעם אַרגומענט). פון דער צווייטער זייט ווייסט עס יעדער, אַז ווען די אָרעמע יידן האָבן געוווינט אין „סלאָמס", אין די ענגע שמוציקע הינטערגעסלעך, איז דער גויאישער אַרגומענט געווען, אַז די דאָזיקע יידן טראָגן אין זיך די קערענדלעך פון רעוואָלוציעס, וועמעס ציל איז צו צעשטערן די קריסטלעכע געזעלשאַפט. די אַסימילאַנטן אין פוילן האָבן געגלויבט, אַז די יידן אין קאַפּטאַנעס מיט לאַנגע פאות, מיט זייער יידישן „זשאַרגאָן" שאַפן דעם אַנטיסעמיטיזם. דער אמת איז, אַז די אייראָפּעיש געקליידעטע, דייטש און פראַנצויזיש רעדנדיקע יידן זענען געווען נאָך מער פאַרהאַסט ביי די אַנטיסעמיטן.

דער טרויעריקער אמת איז, אַז אַנטיסעמיטיזם האָט קיין שום שייכות נישט מיט דעם יידישן לעבנס־שטייגער און מיט דער יידישער אויפפירונג. (דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, וואָס דווקא היינט טאָרן אים יידן נישט פאַרגעסן).

די געשיכטע פון אַנטיסעמיטיזם שטעלט צו באַווייזן פאַר דער דאָזיקער טעזע.

אין דער צייט ווערן די רוימער האָבן שווער געבלוטיקט אין די לאַנגע מלחמות קעגן דער יידישער מדינה, האָבן שוין עקזיסטירט צאָלרייכע און ברייט פאַרצווייגטע יידישע קיהלות אין דער רוימישער אימפּעריע (איינשליסלעך רוים). אָבער די רוימער האָבן די דאָזיקע יידן נישט געטשעפּעט און נישט פאַרפאָלגט.

ווען די בר כוכבא אויפשטענדלער האָבן מאַסאַקרירט די רוימישע זעלנער אין פּאַלעסטינע, האָט דער בלוטיקער האַדריאַן פאַרטיידיקט די רעכט פון די יידן און קיינמאָל נישט באַגרענעצט זייערע פּאָליטישע און ציווילע רעכט (זע מ. דימאָנט „דהי אינדעסטראַקטעבל דזשוס", זייט 133).

נישט געווען קיין אַנטיסעמיטיזם.

אמת, עס זענען געווען איינצעלע אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן פיינט געהאַט די יידן. דער היסטאָריקער טאַציטוס, אָדער דער פילאָסאָף סענעקאַ, וואָס אים האָבן געשטאָכן די שבת־ליכטלעך אין די שיינע הייזער פון רוים. ער האָט מורא געהאַט, אַז דער שבת־רו טאָג וועט צעשטערן די רוימישע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג.

די דאָזיקע אינטעלעקטואַלן האָבן נישט געהאַט קיין שום איינפלוס, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין באַזע, קיין אַפּאַראַט צו באַאיינפלוסן די געזעלשאַפט. עס האָבן דעמאָלט נישט עקזיסטירט די מאַסן מעדיא צו פאַרשפּרייטן זייער שנאה.

דער צושטאַנד פון גלייכבאַרעכטיקונג און פולער טאָלעראַנץ האָט זיך געענדערט כמעט ווי איבערנאַכט אין פערטן יאָרהונדערט, ווען די קריסטלעכע קירכע איז געקומען צו דער מאַכט אין רוים. דאָס איז געווען די קריסטלעכע קירכע מיט איר פאַרצווייגטער באַזע, וואָס האָט באַרויבט די יידן פון זייער בירגערשאַפט און פון

לייכטערן אויסוועג פון דער סיטואַציע. אָנשטאָט ממשותדיקע הילף — האָבן זיי אויסגעקליבן דעם וועג פון פּאָליטישע דעקלאַראַציעס, וועלכע פאַרפליכטן זיי גופא און זייערע לענדער צו — גאָרנישט.

פיר סאָציאַליסטישע פּרעמיערן אין אייראָפּע האָבן אַרויסגעוויזן זייער פאַרשטענדעניש פאַר מענטשלעכע לײַדן, דורך אָנערקענען אַן אָרגאַניזאַציע — די פּ.ל.אָ., וואָס איר הויפּט־ציל איז צעשטערונג און פאַרניכטונג פון מענטשלעכע לעבנס; פון אַ מדינה, ווו סאָציאַליסטישע אידייען זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

דאָס זענען: קרייסקי — אין עסטרייך; מיטעראַן — אין פראַנקרייך; פּאַפּאַנדרעו — אין גריכנלאַנד, און גאָנזאַלעס — אין שפּאַניע.

פון אונדזער יידישער דערפאַרונג ווייסן מיר, אַז יידן ווערן אומעטום אידענטיפיצירט מיט מדינת ישראל — צי זיי ווילן עס יאָ, אָדער זיי ווילן עס נישט. די באַפעלקערונג אין די לענדער נעמען אויף די אָנערקענונג פון דער פּ.ל.אָ. ווי אַ סיגנאַל, אַז מדינת ישראל טראָגט די שולד און במילא זענען אויך די דאָרטיקע יידן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער לאַגע פון די פּאַלעסטינער פּליטים.

דעם רעזולטאַט האָבן מיר געזען אין די אַנטי־יידישע איבערפאַלן אין בעלגיע; עסטרייך; פראַנקרייך און איליע.

צוערשט האָט די ביטערע אַנטוישונג געטראָפן די יידישע קאָמוניסטן, ווען זיי האָבן קאָנפראָנטירט די ווירקלעכקייט, אַז אונטער אַ קאָמוניסטישן רעזשים ווערן יידן פונקט אַזוי פאַרפאָלגט, ווי אונטער אַ צאַרישן; אַז פּאָגראָמשטשיקעס אין אַ קאָמוניסטיש פּוילן שטייען נישט אָפּ פון די פּאָגראָמשטשיקעס פון אַ סאַנאַציע־פּוילן, מיט איר האַלב־פאַשיסטישן רעזשים.

אַצינד שטייען יידישע סאָציאַליסטן און פרעגן זיך די פראַגע פון רוימישן אימפּעראַטאָר יוליוס צעזאַר, ווען ער האָט צווישן די פאַרשווערער דערזען זיין בעסטן פריינד ברוטוס:

— דו אויך — ברוטוס?!

וואָס פאַראַ ווערט האָט עס פאַר די דאָזיקע אייראָפּעישע סאָציאַליסטן, אַז דעם בעסטן אַרגומענט פאַר דער דורכפירבאַרקייט פון דער סאָציאַליסטישער אידיי אין לעבן האָבן געגעבן די פרייוויליקע קיבוצים אין ישראל; די פאַרצווייגטע סאָציאַלע טעטיקייט פון דער הסתדרות; פרייער פאַר אַנדערע האָבן יידן באַוויזן, אַז סאָציאַליזם קאָן פאַרווירקלעכט ווערן.

צום באַדויערן זענען פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם; קאָסמאָפּאָליטיזם געבליבן שיינע לאָזונגען צו באַצירן אַ וואַנט אין אַ פּאַרטיי־לאָקאַל.

מ. א.

פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען
זענען פאַראַנטוואָרטלעך
די מחברים גופא.

ד"ר. מ. פערשטענדיק

# „אונדזער שטעטל ברענט"...

### (אַ בינטל געדאַנקען)

מרדכי געבירטיג האָט באַוויינט נישט נאָר דעם פּאָגראָם אין פּזשיטיק. רעטראָספּעקטיוו מוז מען אָפּשאַצן, אַז דער פאָלקס־דיכטער האָט אין זיין ליד „אונדזער שטעטל ברענט" באַוויינט און באַקלאָגט דעם אונטערגאַנג פון אַ תקופה. אַ תקופה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַזוי פיל האָפענונגען.

די באַלפור־דעקלאַראַציע. דאָס אָנפאַרטרויען ענגלאַנד דעם מאַנדאַט צו פאַרזיכערן פאַר די יידן א היימלאַנד — ארץ־ישראל. דער ווערסאַלער טראַקטאַט, וואָס האָט געצוווּנגען די ניי־אַנטשטאַנענע מדינות אָנצונעמען אַ קאָנסטיטוציאָנעלע פאַרפליכטונג צו פאַרזיכערן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די מינדערהייטן אין די דאָזיקע לענדער. גלייכצייטיק איז אויך גאַראַנטירט געוואָרן די נאַציאָנאַלע מינדערהייט־רעכט פאַר די יידן אין די דאָזיקע לענדער, פאָרזעצן און ווייטער אַנטוויקלען די אייגענע קולטור.

אמת, די אָרעמקייט פון די יידן אין שטעטל איז געווען גרויס, אָבער אויך דער עקאָנאָמישער לעבנס־ניוואָ פון די ברייטע קריסטלעכע מאַסן איז געווען נידעריק און אָרעם. אמת, אַז די פּראָקלאַמירונג פון פּוילנס זעלבשטענדיקייט איז באַגלייט געוואָרן מיט פּאָגראָמען, אָבער יידן האָבן געגלויבט, אַז דאָס זענען געווען די חבלי־לידה פון דער נייער פּוילישער רעפּובליק, ווו אַלע יידן וועלן לעבן בשלום ושלוה.

די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וואָס האָט באַזייטיקט דעם שוואַרץ־מאה'דיקן צאַרישן רעזשים, האָט געעפנט נייע האָריזאָנטן פאַר די מיליאָנען רוסישע יידן. די צוקונפט פאַר די רוסישע יידן אין דעם סאָציאַליסטישן גן־עדן האָט זיך אויסגעדאַכט איז וווּנדערבאַר אָפּטימיסטיש: פולע גלייכבאַרעכטיקונג, אַ יידיש־שולוועזן, יידישע פאַרלאַגן, יידיש טעאַטער, יידישע שרייבער, יידישע אַקטיאָרן — אַלץ אויפן חשבון פון דער סאָציאַליסטישער מדינה.

אין 1938 האָט מרדכי געבירטיג געפילט, אַז אונדזער „שטעטל ברענט". די גרויסע האָפענונגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן, ווי טרויעריקע, געפּלאַצטע אילוזיעס.

די קריסטאַל־נאַכט, קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין דעם לאַנד פון דיכטער און פילאָסאָפן, זבאָנשין; פּזשיטיק. יידישע פּליטים האָבן זיך געוואַלגערט אויף ימים און יבשות צו געפינען אַן אָפענע גרענעץ. פאַרשטייער פון צוויי און דרייסיק מדינות (מיט אַמעריקע בראש) האָבן זיך פאַרזאַמלט אין עוויאַן צו זוכן אַ מקום מקלט פאַר די יידישע פּליטים, אָבער קיין לאַנד איז נישט געווען גרייט צו העלפן (אויסטראַליעס דעלעגאַט האָט דערקלערט:

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

נאָוועמבער־דעצעמבער 1982 | נומער 5 (34) | מעלבורן — אויסטראַליע


# ET TU BRUTE!

די אידיי האָט אויפגעהערט צו זיין דער באַראָמעטער פון פּאָליטיק. די זעלבע ווילער, וואָס האָבן נעכטן געבראַכט צו דער מאַכט אַ רעאַקציאָנערע, אָדער ליבעראַלע רעגירונג — קאָנען ביי די נאָענטסטע וואַלן אויסווילן אַ לייבאָר, אָדער סאָציאַליסטישע רעגירונג.

מען קאָן נישט באַהויפּטן, אַז אין משך פון די 3 יאָר פון דער קאַדענץ פון דער בורזשואַז־מיטל־קלאַס־רעגירונג זענען די מאַסן מיט אַ מאָל באַוווּסטזיניק געוואָרן און געשטימט סאָציאַליסטיש.

דערציען אַ פּאָלק, אָדער אַ באַפעלקערונג צו פּאָליטישער רייפקייט קאָן געדויערן אַן אייביקייט און זיך פאַרענדיקן מיט אַ דורכפאַל. מחמת אידייען פאַרלאַנגען אַ גרייטקייט צו אָפּזאָגן זיך פון געוויסע באַקוועמלעכקייטן לטובת דעם כלל און דערויף זענען בלויז פעאיק יחידים.

אויפן באַראָמעטער פון פּאָליטיק — דאַרף מען דעריבער אָננעמען — ווירקט די עקאָנאָמישע אַטמאָספער פון אַ לאַנד, און די פעאיקייט פון דער רעגירונג די דאָזיקע אַטמאָספער צו שאַפן.

וואַלן קאָן מען געווינען מיט לאָזונגען, אָבער צו באַרעכטיקן דעם צוטרוי פון ווילער, פאָדערן זיך מעשים און דעריבער איז תמיד דאָ אַ תהום צווישן אידעאַליזם און רעאַל־פּאָליטיק.

אין אָט דער פּאָליטישער ראַם פּאַסן זיך ייִדן נישט אַריין.

לעבנדיק ווי אַ מינדערהייט צווישן פעלקער (ביישפּיל: מזרח־איראָפּע) האָבן זיך ייִדישע סימפּאַטיעס אָריענטירט לויט די אידייאישע ליניעס פון די עקזיסטירנדיקע לאַנדפּאַרטייען, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר מאַכט.

ייִדן האָבן זיך געפונען צווישן די אַקטיווע טרעגער פון סאָציאַלע אידייען, ווו יושר און ערלעכקייט, באַציאונג פון מענטש צו מענטש — זענען געווען דער הויפּטמאָטיוו.

אַפילו די באַזיגטע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געלייגט איר שטעמפּל אויף די קאָנסטיטוציעס פון די אייראָפּעישע פעלקער מיט די לאָזונגען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט — פון וועלכע עס האָבן אין פאַרשידענע צייטן גענאָסן אויך ייִדן — הגם ס'האָט געדויערט צוויי יאָר צו איבערצייגן די רעוואָלוציאָנערע פאָרשטייער פון פראַנצויזישן פּאָלק, אַז דאָס איז אויך די אויפגאַבע פון דער רעוואָלוציע.

אין ייִדישן באַוווּסטזיין האָט זיך זינט דאַן אויסגעבילדעט דער באַגריף, אַז נאָר אַ סאָציאַל־יושרדיקע אָרדנונג קאָן פאַרזיכערן די רעכט פון ייִדן ווי בירגער און ווי ייִדן.

אויפן דאָזיקן פּרינציפּ האָט זיך געשטיצט די ייִדישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. און דאָס איז געווען דער הויפּט־אַרגומענט, פאַר וואָס ייִדן דאַרפן זיך אַקטיוו באַטייליקן אין דער טעטיקייט פון סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן לאַגער.

מען דאַרף מודה זיין: סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין די אייראָפּעישע לענדער האָבן אַרויסגעוויזן מיטלייד, באַציאונג, פאַרשטענדעניש און הילף־גרייטקייט פאַר ייִדן און זייערע פּראָבלעמען, איבערהויפּט אין פאַלן פון אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגונגען אָדער שיקאַנעס.

ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט האָבן ייִדן געפילט, אַז זייער זיכערקייט, זייער בירגער־רעכט, זייער עצם־עקזיסטענץ קאָן זיך באַזירן נאָר אויף די דאָזיקע פּאַרטייען.

עס האָט בכלל אויסגעזען אומגלויבלעך, אַז אַ סאָציאַליסט זאָל האָבן אַנטי־ייִדישע פאָראורטיילן. דאָס האָט מען דערוואַרט פון רעאַקציאָנער־בורזשואַזן לאַגער.

מיט דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל האָט זיך די באַציאונג פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צו ייִדן געענדערט און באַקומען איר אויסדרוק דורך אינטערפּרעטירן די פּאַלעסטינער פראַגע.

עס איז נאַטירלעך, אַז סאָציאַליסטן זאָלן האָבן פאַרשטענדעניש פאַר פּליטים, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע היימען; פאַר אויסגעוואָרצלטע, וועלכע זוכן זייער אייגענע נאַציאָנאַלע אידענטיטעט. פאַר פּליטים, וועלכע זענען קרבנות פון אַ פּאָליטיש־מיליטערישער סיטואַציע אויף וועלכער זיי קאָנען קיין השפּעה נישט האָבן.

די דאָזיקע סאָציאַליסטן זענען פּרעמיערן, פירער פון רעגירונגען. צו זייער דיספּאָזיציע זענען דאָ גענוג מיטלען צו דערמעגלעכן די פּליטים אייַנגלידערן אין אַ נאָרמאַלער געזעלשאַפט ווי פּראָדוקטיווע מענטשן. זיי פאַרמאָגן גענוג מיטלען און וועגן, ווי אַזוי די דאָזיקע פּליטים צו העלפן, לויט די פּרינציפּן פון זייער סאָציאַליסטישן גלויבן.

די סאָציאַליסטישע פּרעמיערן האָבן אָבער געפונען אַ

די האַרציקסטע ברכות
אונדזער טייערן

## מאַן און פּאָטער

# בנימין ווייסמאַן

צו זיין 75־יאָריקן געבוירן־יאָר

מיר ווינטשן דיר נאָך לאַנגע געזונטע יאָרן
מיט אונדז אַלעמען

**פרוי, טעכטער
און אייניקלעך**

Lanes Swim Suit
Co. Pty. Ltd.

MARTIN LANE, Managing Director
Commissioner for taking Declarations &
Affidavits under the Act of 1958

**430-444 BRUNSWICK STREET
FITZROY, VIC. 3065
PHONE 419 1946
417 2341**

אונדזערע לייענערס און פריינד פון „קדימה"
שיקן מיר איבער האַרציקע ברכות

## צום נייעם יאָר 1983.

זאָל דאָס זיין אַ יאָר פון שלום.

„מעלבורנער בלעטער"

---

די ביוראָ פון „קדימה" וועט זיין געשלאָסן
פון 24טן דעצעמבער 1982
ביזן 20טן יאַנואַר 1983

★

די „קדימה"־ביבליאָטעק וועט זיין פאַרמאַכט
פון 19טן דעצעמבער 1982.
זי עפנט זיך זונטיק, דעם
6טן פעברואַר 1983.

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאלט:


מ. א. — ET TU BRUTE . . . . . . . . . . . . . . 1

דר. מ. פערשטענדיק — „אונדזער שטעטל ברענט" . . . . . . . . . . 2

י. קאַפּע — צווישן טרוים און ווירקלעכקייט . . . . . . . . . 6

וו. יאַבלאָנסקי — חורבן-מוזעאום . . . . . . . . . . . . . 8

שלום ג. — געשיכטלעכע לעקציעס: צום געדענקען? צום פארגעסן? . 9

אריה ליפשיץ — די ישראלדיקע ווירקלעכקייט און די העברעישע ליטעראַטור . . . . . . . . . . . . . 11

דוד טאָקער — אַ נדר (ליד) . . . . . . . . . . . . 12

י. מ. לעווין — יידן פון עקלאַנד סטריט; ליכט — (פּאָעמען) . . . . . 13

דר. אליהו שולמאַן — קריטישע עסייען פון איציק מאַנגער . . . . . . . 14

מגר בן-ציון פעלדשוה — די פילאָסאָפיע פון עקזיסטענץ . . . . . . . . . 16

הערשל באַכראַך — דער שפּאַנישער אויפשטאַנד און די יידישע לייענער אין פוילן (זכרונות) . . . . . . . . . . . 18

י. ראָזענבערג — אין קרעטשמע (פּאָעמע) . . . . . . . . . . 20

ד"ר א. ווײַנריב — אַ קולטור יום-טוב אין סידנעי . . . . . . . . . 21

מעם — פאַרבײַגייענדיק . . . . . . . . . . . 24

ש. בענעט — לאָקאַלע קאָמענטאַרן . . . . . . . . . . . 26


פרייז פון נומער $1.50

ארויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 5 (34) נאָוועמבער-דעצעמבער 1982